# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn NO. 6 - October 1955 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7303h2ts

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 6(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1955

**Copyright Information**
Copyright 1955 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

יערלעכע שריפט פאר

## ליטעראטור — קולטור — קריטיק

זעקסטער **6** נומער

רעדאַקטאָר: י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון דעם

לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור קלוב

תשרי, תשט"ז — אָקטאָבער, 1955

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# חשבון

יערלעכע שריפט פאר

## ליטעראטור — קולטור — קריטיק

זעקסטער **6** נומער

רעדאקטאָר: י. פרידלאנד



ארויסגעגעבן פון דעם
לאָס אנדזשעלעסער יידישן קולטור קלוב

תשרי, תשט"ז — אָקטאָבער, 1955

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

---

דאָס אחריות פאַר די מיינונגען און געדאַנקען אין דער אויסגאַבע
טראָגן די מחברים גופא

---

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:
I. Friedland, 4377 Sunset Dr.
Los Angeles 27, California

---

PRINTED IN U.S.A.

---

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PLACE
LOS ANGELES 12, CALIFORNIA

111

# אינהאַלט:


י. פּ.: „חשבון" 1955 .......... 4

ה. רויזענבלאַט: „אין שאָטן פון עץ־החיים" (עסיי) .......... 6

בערל סאַטט: „דער סופר" (האָלץ־שניט) .......... 12

ל. פיינבערג: „מיין חדר" (ליד) .......... 13

י. פרידלאַנד: „קאַליפאָרניע" (מיניאַטורן) .......... 15

קאָוונער גראַדסקי: (בילד צייכענונג) .......... 18

א. לוצקי: „דערהערן אַ גראָז געבוירין" (ליד) .......... 19

וויליאם נאַטאַנסאָן: „פּרץ'ס משוגענער בטלן" (עסיי) .......... 21

✓ מלכמה טוזמאַן: „נאָר זינגען קען איך ניט" (ליד) .......... 26

מאַטעס דייטש: „פאָלק און ערד — אלף־בית פון קיום" (ליד) .......... 27

נח גאָלדבערג: „מלחמה" (דערציילונג) .......... 29

ברכה קודלי „קאַליפאָרניער מאָטיוון" (ליד) .......... 38

פינטשע בערמאַן: „פיעסטא" (ליד) .......... 39

י. פרידלאַנד: „זיין תיקון" (דערציילונג) .......... 41

בערל סאַטט: „שכר לימוד" (האָלץ־שניט) .......... 45

כאַוער פאַווער: „דאָקטאָר בלעס" (דערציילונג) .......... 46

דר. דוד ברידזשער: „יעקב זינגערס דראַמען" (רעצענזיע) .......... 49

זלמן זילבערצווייג: „דאָס ל. א. קדושים העפט פון טעאַטער לעקסיקאָן" .......... 51

בען צוקערמאַן: „מכוח דעם מצב פון יידישן חינוך אין לאָס אַנגעלעס" .......... 53

א. כראַבלאַווסקי: „מאַקס און פעני שפּאַניער" .......... 56

אברהם באַביטש: „מאַלע וואָס מע זאָגט!" (שפּריצלעך) .......... 57

ליטעראַרישע נאָטיצן .......... 59

ל. א. יידישער קולטור קלוב 1954־55 .......... 64

רשימה פון ליטעראַרישע שבת־צונאַכטן פון 29טן זמן, 1954־55 .......... 66

רשימה פון קולטורעלע מאָנטיקן (די לעקטאָרן און טעמעס) .......... 70

רשימה פון נייע צוגעקומענע ביכער אין ביבליאָטעק פון קולטור קלוב .......... 72

קולטור כראָניק .......... 76

באַגריסונגען .......... 81

# „חשבון" 1955

לאָס אַנגעלעס פאַרמאָגט איצט אַ גאַנץ פיינע צאָל יידישע שרייבער און דיכטער; שרייבער אַנגעזעענע, מיט גרויסע נעמען אין דער ליטעראַרישער וועלט און, שרייבער אַביסל ווייניקער באַוואוסטע, אָבער גענוג באַקאַנט אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און פּרעסע אויף דעם קאָנטינענט.

על פי שכל און לאָגיק וואָלטן די היגע שריפטשטעלער געדאַרפט, צווישן זיך, זיין פאַראייניקט; האָבן, פון צייט צו צייט, ליטעראַרישע מסיבות און טאַקע אויך אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם, פּעריאָדיש־ליטעראַרישן זשורנאַל. צום באַדויערן איז אַזוינס שוין פון לאַנג, לאַנג ביי אונדז נישטאָ. הגם פאַרזוכן זיינען דווקא יאָ געמאַכט געוואָרן, כלערליי, אָבער די זשורנאַלן וואָס זיינען דערשינען, האָבן דאָ קיינמאָל קיין אריכות ימים ניט געהאַט . . .

„**מערב**" — אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק, אונטער דער רע־דאַקציע פון יצחק הורוויץ, איז דערשינען אין יאָר 1925. איין נומער נאָר, און נישט מער.

„**זונלאַנד**" איז דערשינען אין זעלביקן יאָר, 1925, אונטער דער רעדאק־ציע פון אַ קאָלעגיום: י. ל. מאלאמוט, י. קיץ און י. פרידלאנד — פיר נומערן בלויז.

„**פּאַסיפיק**" — פערטל־יאָר שריפט אונטער דער רעדאַקציע פון ה. רוי־זענבלאַט, ש. מיללער און ה. גאָלד ע"ה, איז דערשינען אין יאָר 1929, אויך נישט מער ווי פיר נומערן.

אַט די דערמאָנטע ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס זיינען דערשינען אין די צוואַנציקער יאָרן, האָבן דאַן אויפגעשפּראָצט דאָ, ווי שוואמען נאָך אַ רעגן און זיינען באַלד פאַרשוואונדן, נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט זיך צו צעבליען.

מערער מאָל, זינט יענער צייט, איז אויפגעקומען אַ וואונטש, ביי אַ טייל פון די היגע שרייבערס, צו פאַרמירן זיך אין אַ גרופּע, מיט דעם געדאַנק צו לייענען איינע פאַר די אנדערע פון די נייעסטע שאַפונגען זייערע און, ווי אַ פועל־יוצא פון אַזעלכע אינטימע שרייבערישע מסיבות, האָט מען געהאָפט, וועט אפשר אויך רעאַליזירט ווערן, אַ שטאַרק באַגערטער וואונטש זייערער, אַרויסצוגעבן אַן אייגענע ליטעראַרישע זאַמלונג.

צו דערקלערן די סיבות ווארום אַזאַ באַגערטער וואונטש ביי די שריי־בערס, איז קיינמאָל צום לעבן נישט געקומען, איז גאָרנישט אַזוי גרינג. דער ענין איז אַ קאָמפּליצירטער און אַ פּסיכיש־אינדיווידועלער . . . עס איז פאַר

יעדן שרייבער באַזונדער, זיך אַליין פאַנאַנדערצוקלייבן אין זיין אייגענעם מהות דענקן און פילן בנוגע דעם ענין.

בכן, וועלן מיר מכוח די סיבות פון אַזאַ ספּעציפישן מעמד, וואָס האָט ניט גורם געווען אַ פאַראייניקונג, צווישן די שרייבער, נישט אָנהויבן אפילו מאריך צו זיין. גענוג צו זאָגן, די עיקר סיבה איז אפשר, ניט אַנדערש, ווי נאָר צוליב זייער אייגענע עגאָ־צענטרישקייט — אַן אַטריבוט, וואָס ביי דאָס רוב פון די שרייבערס פעלט ער ניט . . .

„חשבון" ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב. מיט די ביז איצט דערשינענע נומערן האָט דער קולטור קלוב נישט פּרעטענדירט, אַז דער זשורנאַל פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַ ריין ליטעראַרישער זאַמלונג. „חשבון" איז געווען און איז טיילוויז אויך איצט אַ קולטור־שריפט: (אגב די איינציקע שריפט אין יידיש ביים פּאַסיפיק) און, ווי אַזעלכע פּילט זי אויס אַ באַשטימטן חלל אין אונדזער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער יידישער קולטור קלוב, כידוע, איז דאָ אין שטאָט אין דער בחינה פון אַ מכניס־אורח: ער נעמט אויף דאָס רוב פון די יידישע שרייבער, דיכטער, קינסטלער און געלערנטע, אויף וועמעס בימה זיי טרעטן אויף, מיט זייערע קונסט־שאַפונגען און רעפעראַטן.

פון דעם היינטיקן נומער און ווייטער וועט „חשבון" האָבן אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע אָפּטיילונג און, דער קולטור קלוב ווערט אויך דער מכניס אורח אויף דעם געביט; מיר האָבן פאַרבעטן אַ טייל פון אונדזערע היגע יידישע שריפטשטעלער און דיכטער צו באַטייליקן זיך אין דער ליטעראַרישער אָפּ־טיילונג פון „חשבון" מיט זייערע שאַפונגען.

לעצטנס האָבן מיר, אין דער יידישער אַמעריקע, אַ גערעטעניש אויף „זשורנאַלעכלעך". נו, וואָלט עס אפשר גאָר קיין עוולה נישט געווען, ווען די זשורנאַלן וואָלטן זיך מיט עפּעס אונטערשיידט איינער פון אַנדערן; וואָלטן אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן, אַן אייגן פּנים. ליידער, איז קיין ספּעציפישע אַנדערשקייט אין זיי ניט בנמצא.

איך האָב געבראַכט די דאָזיקע באַמערקונג אין שייכות מיט אונדזער זשורנאַל „חשבון", כדי נאָכאַמאָל באַפעסטיקן דעם געדאַנק אַז, אַ זשורנאַל וואו ער זאָל נישט דערשיינען, צי אין דעם גרויסן ניו־יאָרק, צי אין דער פּראָווינץ (בעיקר אין דער פּראָווינץ) דאַרף האָבן אַן אייגן פּרצוף־פּנים; דאַרף זיך באַמיען אַרויסצוברענגען דאָס אייגנאַרטיקע פון דער אייגענער סביבה, און פון איי־גענעם יידישן ישוב.

„חשבון" וועט זיך באַמיען צו שטיין מיטן פּנים צו לאָס אַנגעלעס: וועט זוכן אַריינצוברענגען אַן אייגענעם, א קאַליפאָרניער קאָלאָריט, דערמוטיקן די ליי־טעראַריש־קינסטלערישע כוחות אין אונדזער סביבה, און דערהייבן אונדזער קולטור מצב צו אַ גרעסערער חשיבות און מיט מער אחריות.—י. פּ.

# אין שאָטן פון עץ־החיים

### ה. רויזענבלאַט

וואָס איז אין עצם דער זין און דער תוך פון דעם קינסטלערס אַמביציעס? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שיכרות, וואָס אינספּירירט אים צו שעפערישע מעשים? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין כח, וואָס רעגט אים אָן צו שאַפן קינסטלערישע ווערק? וואו ליגט די פרייד, און וואו שטעקט דער שכר, וואָס פאַרגיטיקט אים פאַר זיינע חבלי־לידה, בעת ער געבערט זיינע לידער, מאַלערייען, מוזיק־קאָמפּאָזיציעס, זיינע סקולפּטורן, א. אַז. וו.? וואָס צאָלט אים אָפּ פאַר זיינע יסורים; פאַר די אָפטע שטרויכלונגען, אַנטוישונגען, וואָס ער באַגעגנט אויף זיין וועג צו דער־גרייכונג?

אויף די דאָזיקע אַלע פראַגעס קענען מיר דערוואַרטן אַ היפּש ביסל ענטפערס. ואלה הם:

(א) דער רוח־הקודש רוט אויף אים. ער מוז, ער קען ניט אַנדערש, ווי שאַפן.

(ב) ער האָט אַליין גרויס הנאה פון זיין שטרעבן צו זיינע קונסט־דער־גרייכונגען.

(ג) זיין קונסט דערהויבט אים איבער זיין סביבה. ס׳איז אַ מין גדלות, גאווה.

(ד) ס׳איז אַ מין שיכרות, אַזאַ חלאת, רחמנא־לצלן.

(ה) ער איז דער שליח־ציבור . . . ער רעדט אין נאָמען פון פאָלק, צייט, און סביבה.

(ו) ער ליידט פון אַ מין אילוזאָרישן קאָמפּלעקס; איינרעדעניש, וואָס ער רופט — „אומשטערבלעכקייט".

אין יעדן פון די אַלע השערות איז פאַראַן אַ ניצוץ אמת. נאָר אין דער לעצ־טער השערה — ער שטרעבט, און גלויבט אין דאָס, וואָס ער רופט אומ־שטערבלעכקייט — ליגט דער עיקר אמת. אין דער השערה, אַז ער וועט, אין זכות פון זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען, בלייבן אומשטערבלעך; בלייבן אייביק לעבן, ליגט דער כישוף, וואָס רייצט און אינספּירירט אים צו שעפע־רישע מעשים.

אָבער — ער איז דאָך ניט דער איינציק שטערבלעכער, וואָס איז להוט נאָך דעם, וואָס מיר רופן אומשטערבלעכקייט, אייביק לעבן. יעדער בשר־ודם איז דאָך אויך להוט צו געניסן פון אָט דעם צויבער־לעקעכל . . . יעדער לויט זיין השגה; אויף זיין אופן; לויטן הונגער פון זיין אייגענער נשמה.

אָבער, וואָס אַזוינס איז דאָס אָט די אומשטערבלעכקייט — איז גאָרניט אַזוי גרינג משיג צו זיין, באַנעמען מיטן נאַקעטן שכל . . . ווארעם: וועלכער שטערבלעכער האָט דאָס געהאַט די זכיה צו פאַרזוכן, טועם זיין ביים לעבן פון דער פרייד, וואָס רופט זיך „אייביק־לעבן", „אומשטערבלעכקייט"? וואו איז דאָס דער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דעם עולם־העליון מיט דער גוטער בשורה, אַז עס איז טאַקע דאָ אַזוינס, וואָס הייסט אומשטערבלעכקייט; געבראַכט

אונדז כאָטש אַ כזית — אַ כזית׳ל, ווי אַ מוסטער פון דעם דאָזיקן מין — אייביק־לעבן, אומשטערבלעכקייט? . . . מיר האָבן אים אינערגעץ ניט באַגעגנט. ניט אין מאַרק, ניט אין וואַלד, ניט אין הויז פון גאָט — אינערגעץ ניט! און דאָך נוצן מיר כסדר אָט דעם נעפּלדיקן טערמין, דעם בלינדלעכן באַגריף „אומשטערבלעכקייט״, אייביק־לעבן, עולם־הבא, ווי אַ מאָס צו מעסטן די שעפּערישע מעשים פון קינסטלער, ווי אויך פון דעם סתם מענטש מיט דער אײדעלערער מענטשלעכער נשמה . . . וואָס האַלט, אַז ער איז ראוי צו אַ חלק עולם־הבא. ווארעם יעדער בשר־ודם, מיט אַ שטיקעלע נשמה־יתירה, ווי שוין געזאָגט, האָט די השגה, די פּרעטענזיע אויף — אומשטערבלעכקייט, וואָס איז אייגנטלעך די אייביקע עולם־הבא לעגענדע, אין ליכט פון דער שכינה.

מעשים זיינען אויף אַזוי פיל אומשטערבלעך אויף וויפיל כח זיי פאַרמאָגן אין זיך. דאָס ווערק פון קינסטלער לעבט מיט דעם רוח־חיים, וואָס עס פאַרמאָגט — נישט אַ טאָג לענגער. ניט לויטן דורשט פון וואָגלער, וואָס וואַנדערט אין דער מדבר, טראָגט דער לאָגל זיין זאַפּאַס וואַסער, נאָר לויט דער קאַפּאַציטעט, וואָס דער לאָגל פאַרמאָגט . . . גייט אויס דאָס וואַסער אין לאָגל — גייט דער וואָגלער אויס פון דורשט. מעג דער קינסטלער ווי שטאַרק וועלן פאַרזשערען די געבענטשטע אומשטערבלעכקייט — וועט עס אים ניט העלפן, אויב זיין ווערק פאַרמאָגט ניט מער ווי זיין באַגרענעצטע מאָס כח.

— — —

אַ טשיקאַווע מעשה׳לע:

— — — „האָט גאָט דער האַר געפורעמט דעם מענטשן פון שטויב פון דער ערד, און האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש *** און גאָט דער האַר האָט גענומען דעם מענטשן, און האָט אים אַריינגעזעצט אין גן־עדן, אים צו באַאַרבעטן און היטן. און גאָט דער האַר האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אַזוי צו זאָגן: פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגסטו עסן; אָבער ניט פון דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, פון אים זאָלסטו ניט עסן, ווארעם אין דעם טאָג וואָס דו עסט פון אים, וועסטו זיכער שטאַרבן״. (יהואש איבער.)

און ווייטער דערציילט זיך, ווי גאָט האָט ניט געוואָלט לאָזן דעם מענטשן, אָדמ׳ען אַליין אין איינזאַמקייט. האָט דאָך גאָט דער האַר די וועלט און דעם מענטשן, אַ סברה, באַשאַפן דערפאַר, וואָס אים אליין איז שווער געווען די איינזאַמקייט. אַ סימן — ער האָט דעם מענטשן געמאַכט אין זיין געשטאַלט, געשטאַלטיקט אין זיין פורעם, כדי ער זאָל האָבן אַ חבר, א שותף אין דער פירונג פון דער וועלט: „האָט גאָט געזאָגט: לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, לויט אונדזער גלייכעניש, און זיי זאָלן געוועלטיקן איבער די פיש פון ים, און איבער די פויגלען פון הימל, און איבער די בהמות, און איבער דער גאַנצער ערד, און איבער אלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד״ . . . אַ גאַר גרויסן חלק, אין דער פירונג פון דער וועלט, האָט גאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון מענטש. אַ שותף האָט ער געזוכט אין דעם מענטשן. און כדי דער מענטש, זיין שותף און מיטהעלפער, זאָל ניט זיין אַליין . . . האָט

גאָט דער האַר געלאָזן פאַלן אַ טיפן שלאָף אויף דעם מענטשן, און ער איז איינגעשלאָפן; און ער האָט אַרויסגענומען איינע פון זיינע ריפּן . . . און האָט געבויט פון דעם ריפּ, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דעם מענטשן, אַ פרוי . . . און ביידע זיינען געווען נאַקעט, דער מענטש און זיין ווייב, און זיי פלעגן זיך ניט שעמען". (יהואש איבערזעצונג).

אין יענעם טאָג הויבט זיך אָן די טראַגעדיע פון מענטשן; דער געראַנגל צווישן לעבן און טויט.

דאָס וואָס איז ווייטער געשען — איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט. די תאוות און די גלוסטעניש, הפּנים, זיינען געבוירן געוואָרן מיטן מענטשן צוזאַמען. איז ער דאָך געבוירן געוואָרן אין גאָטס פּורעם; האָט דאָך גאָט מיט זיין איי־גענעם ווילן איבערגעגעבן דעם מענטשן די ברירה: — ווייל זיך אויס דעם וועג פון גוטס און שלעכטס. און כאָטש דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן לויטן מוסטער פון גאָטס געשטאַלט — איז ער פאָרט ניט געווען קיין גאָט. אויף דעם איז גאָט ניט באַשאַפן — „פון אַלע ביימער מעגסטו עסן, אָבער ניט פון בוים פון וויסן". קאַרג וואָס גאָט האָט דעם מענטשן באַשאַפן אַ וואַקלענ־דיקן, מיט אַ שטאַמלענדיקער צונג אין מויל, האָט ער נאָך אָנגעגרייט אים ביים זייט די שלימישע שלאַנג, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם כישוף אים אָנצורעדן צו אַלדאָס בייז; אים באַשאַפן מיט אַ לעדערנעם רוקנביין, מיט אַן אונטערטעניקן ווילן, כדי ער זאָל ניט קענען ביישטיין קעגן די פאַרפירערישע נסיונות, וואָס בלענדן און פאַרבלענדן דעם מענטשן און פירן אים אראָפּ פון דרך־הישר, און פאַרטרייבן אים אויף נעפּלדיקע, בלאָנדזשענדיקע וועגן . . . אַ סברה, אַז גאָט האָט אומיסטן אים אַזוי באַשאַפן כדי ער, דער מענטש, זיין קנעכט — זאָל אַזוי אַרום זיין ווי אַ שפּילכל אין זיינע הענט; און זאָל ניט קענען ווערן אליין האַר און הערשער איבער זיך, אליין אַ זעלבסטשטענדיקער ווילן, אַ רעבעלירנדיקער כח, אַ ווידערשפּעניקער אין אַ בונטאַר . . .

ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, דער מענטש האָט שוין געווידערשפּע־ניקט. און אָט וואָס דאָס משעה'לע דערציילט:

„און האָפּערדיקער פון אַלע חיות וואָס אין פעלד, געווען איז די שלאַנג.
האָט זיך די שלאַנג פאַרגנבעט שטילערהייד צו חוה'ן און געזאָגט:
נעם, זע, באַטראַכט דעם בוים, ווי שיין ער איז. פאַרוואָר!
אַזוי ווי דיינע אוירלעפּלעך וועלכע רויטלען זיך פון צווישן דיינע האָר —
אַזוי זיך רויטלען צווישן זיינע צווייגן די צערטליכע פרוכט.
און חוה האָט געגעסן פון דעם בוים, און ס'איז באַטעמט געווען די פרוכט.
און זי האָט אדמ'ען געגעבן עסן פון דעם בוים און אָדם האָט פאַרזוכט.
און גאָט האָט צו די כרובים זיינע, אַ געערגערטער, געזאָגט:
דער מענטש האָט פון דעם עץ הדעת געגעסן און געוואָרן קלוג,
און צו דעם מענטשנס חכמה איז נישטאָ קיין שיעור.
ער וועט נאָך גלוסטן צו פאַרזוכן פון דעם עץ־החיים אויך,
און לעבן וועט ער אייביק און נאָך הערשן איבער מיר — — — —".

און אַט קעגן דער השגה פון אייביק לעבן, וואָס דער מענטש האָט גע־טראָגן אין זיך, האָט גאָט זיך קעגנגעשטעלט.

„און גאָט האָט אָדמ׳ען פאַרטריבן פון גן־עדן און אַוועקגעשטעלט
ביים טויער פאַר אַ וואַך דעם מלאך מיט דער פלאַמענדיקער שווערד״.

דער מאָראַלישער סך־הכל איז אָבער דאָ: גאָט האָט אָדמ׳ען פאַרטריבן פון גן־עדן און אים נאָך דערצו באַשטראָפט מיטן טויט. אָבער צונעמען ביי אים דאָס גאָרן, די גלוסטעניש, די דורשטיקע תאוה צום אייביקן לעבן, צו אומשטערבלעכקייט — האָט משמעות גאָט אַליין ניט געקענט. טאַקע אין דעם אַקט פון צונעמען, אויסרייסן ביים מענטשן דאָס גאָרן צו לעבן אייביק — ליגט די טראַגיק פון ניט־געזעטיקטן גלוסטן צו דעם, וואָס איז ביי אים צו־גענומען געוואָרן. פון גאָרנישט — איז דאָך ניט שייך אַוועקנעמען? פון גאָר־נישט איז דאָך נישטאָ וואָס אַראָפּצונעמען! דער מענטש, אַזוי אכזריותדיק אַוועק־געריסן פון דעם כישוף, וואָס איז געלעגן אין דעם בוים פון אייביק־לעבן, בענקט און קען ניט פאַרגעסן, אַז ער איז באַרויבט געוואָרן פון דער אייביקייט.

צי דאָס חומש־מעשהלע איז וואָר, ווי פרום־גלויביקע ווילן האָבן; צי עס איז נאָר אַ פאַנטאַסטיש־אַלעגאָריש מעשהלע — איז אונדז אין תוך ניט וויכ־טיק. איין זאַך איז זיכער: דער פועל־יוצא איז וואָר, אמת! דער מענטש בענקט צום אייביקן לעבן, כאָטש צו המשך, פאָרזעצונג פון אייביק־לעבן. אגב איז די לעגענדע, אין דעם פאַקט אַליין, וואָס דאָס האָט איבערגעלעבט טויזנטער דורות — שוין אַ באַווייז, אַז דאָס איז וואָר, דאָס וואָס עס האָט כח איבערצו־לעבן טויזנטער יאָרן — מוז האָבן אין זיך לעבן. ווי זאָגט י. ל. פרץ, אין זיין מעשהלע „אַ גלגול פון אַ ניגון״; „וואָרעם איך, רבותים, גלויב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין״.

דאָס וואָס דער קינסטלער — דער מענטש אין גאָטס פורעם — אין פּרוז, צי אין בילד אָדער קלאַנג — רופט אַרויס אין אונדז צו לעבן — לעבט. די זעאונגען פון יחזקאל הנביא זיינען היינט אַזוי אַקטועל, ווי זיי זיינען געווען אין יענע אַלטע צייטן פון נביאות. אַט זעען מיר אים היינט אין אונדזער טראַגישן דור, שטיין איבערן וויסטן טאָל, פול מיט טרוקענעביינער . . . מיר הערן זיין קול:

„עס איז אויף מיר די האַנט פון גאָט געווען, און ער האָט מיך אויף דעם ווינט געטראָגן און געלאָזט מיך שטיין אין דער מיט פון טאָל.

און פול מיט ביינער איז ער געווען״ — — —
און פיל זיינען זיי געווען אין צאָל.
און טרוקן זיינען זיי געווען.
און ער האָט געזאָגט צו מיר: —

זאָג נביאות צום גייסט, זאָג נביאות צום מענטשן־קינד, און זאָג צום גייסט: אַזוי האָט גאָט דער אייביקער געזאָגט: פון די פיר זייטן קום, דו גייסט, און הויך אַ לעבנס־אָטעם אריין אין די דאָזיקע הרוגים און זאָלן זיי לעבעדיק ווערן.

און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי מיר איז באַפוילן געוואָרן. און עס איז אין זיי אַריין דער גייסט, און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס, אַן אַרמיי אַ גרויסע.

וואָס, זאָגט איר: דאָס איז דאָך חזון, זעאונג — דיכטונג! אוודאי איז דאָס וויזיע, זעאונג — תחית־המתים! ווען וועט דאָס געשען? ווען משיח וועט קומען! און ווען וועט משיח קומען? דאָס ליגט די מחשבה אָפּ אויף . . . אַן אומבאַשטימטער צייט. ווער ווייסט דאָס! זאָל דערווייל לעבן אין אונדז אַ טרייסט אַז עס וועט . . . דאָס פּשוטע פֿאָלק האָט אפילו זיך געשאַפֿן אַ מין איראָניש ווערטל: „אַז משיח וועט קומען!" ס'הייסט: ביסט ניט חולה צו וואַרטן...

און איינער פֿון די מאָדערנע קינסטלער פֿון אונדזער תקופה, טאָלסטאָי, זאָגט אַזוי:

„אַרויסרופֿן אין זיך דאָס שוין איינמאָל איבערגעלעבט געפֿיל, און אויפֿלעבנדיק אין זיך דאָס דאָזיקע געפֿיל, דורך איבערגעבן דאָס אין ריטם, ליניע, פֿאַרב און קלאַנג; בילדער געמאָלן מיט ווערטער, אַזוי אַז אַנדערע זאָלן דאָס איבערלעבן — אין דעם באַשטייט די עובדא פֿון קונסט". אין אַנדערע ווערטער: קונסט איז המשכדיק לעבן, פֿאַרזעצונג פֿון אייביקייט . . .

„די נאַטור", זאָגט היינע, „ווי אַ גרויסער פּאָעט, פּראָדוצירט רעזולטאַטן מיט די פּשוטסטע מיטלען. ס'איז פּשוט: פֿאַראַן אַ זון, בלומען, וואַסער און ליבע". אָט פֿון די פּשוטע מיטלען קען אין באַשאַפֿט דער קינסטלער לעבן. האָט דאָך גאָט באַשאַפֿן אַ וועלט פֿון תהו־ובוהו! איף דערויף איז ער דאָך עפּעס גאָט! דער מענטש, אין גאָטס געשטאַלט, קען אַזעלכע וואונדער ניט באַשאַפֿן, — אָבער פֿון די שיינקייטן וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, קען דער פּאָעט — פֿון „זון, בלומען, וואַסער און ליבע" — באַשאַפֿן גייסטיקע וועלטן, אייביקע ווערטן . . .

דער געניאַלער דיכטער, שעלי, פֿאַרגינט זיך צו זאָגן: „אַ גרויסער פּאָעט איז דאָס מייסטערווערק פֿון דער נאַטור". גאָט האָט די נאַטור באַשאַפֿן, דער קינסטלער שאַפֿט, מיט די מיטלען פֿון דער נאַטור — קונסט. און דער זעלבער גרויסער פּאָעט, שעלי, זאָגט אין אַנדער אָרט: „פֿאַר ליבע און שיינקייט און פֿרייד — איז ניט פֿאַראַנען קיין טויט און נישטאָ קיינע ענדערונגען". אייביק, אייביק לעבן, אומאויפֿהערלעכער המשך.

„יאָ", וועט איר טענהן, „דאָ רעדט זיך וועגן דעם געבענטשטן קינסטלער. וואָס אָבער איז מכח דעם ניט־קינסטלער, דעם פּשוטן בשר־ודם? אויך ער, ווי איר אַליין זאָגט, טראָגט אָט די דאָזיקע בענקעניש נאָך אייביק־לעבן, נאָך אומשטערבלעכקייט, צו עולם הבא?! זיינע וועגן און שטעגן ציען זיך גאָר דורך אַנדערע וועלטן. ער זוכט דאָך די טויערן און פּאָרטקעס צום גן עדן אויף גאָר אַנדערע דרכים. זיינע מעשים זיינען, נעבעך, אַזוי אַנדערש פֿון דעם קינסטלערס".

מיין ענטפֿער אויף דעם איז: די וועגן פֿון דעם ניט־קינסטלער זיינען אַנדערש, אָבער דער ענד־ציל איז פּאָרט דער זעלבער, ווי דער פֿון קינסטלער.

דער ירא־שמים'ניק, דער גאָט־גלויביקער זוכט, ביים לעבן, אָפּצושפּאָרן וואָס מער עולם־הבא דורך פֿרומע מעשים־טובים — תורה, תעניתים, צדקה, תשובה — אפילו יסורים פֿון פּייניקן דעם גוף אויפֿן חשבון פֿון דער נשמה — כדי ער זאָל קענען זוכה זיין צו אַ גרעסערן חלק עולם־הבא. אַזוי אַרום —

וועט ער זיצן אין ליכט פון דער שכינה און לערנען גאָטס הייליקע תורה, וועט הנאה האָבן פון די טייערסטע שטיקער פון דעם לויתן, געפּילט און באַווירצט פון די טייערסטע בשמימדיקע געווירצן; שניידן רעפּטלעך פון דעם שור־הבר און פאַרזופן פון דעם זיסן, מחיהדיקן יין־המשומר. און אַזוי עקסיסטירן אייביק, אייביק, אייביק!

דער גביר־אדיר, דער פּראָסטער בעל־הגוף — וועט איבערלאָזן נאָך זיך, נאָכדעם ווי ער וועט אַוועק פון דער זינדיקער וועלט — אויף זיין נאָמען — צדקה אנשטאַלטן: זאָל די וועלט וויסן און געדענקען זיין נאָמען, זיין זיין אויף דער ערד; זיך דערמאָנען אַז ער האָט געלעבט אויף דער וועלט. דער מאַגנאַט, וואָס באַזיצט אַ ניצוץ פון אַ נשמה — וועט פאַראייביקן זיין אָנדענק דער־מיט, וואָס ער וועט איבערלאָזן אַ פאַרמעגן מיט וועלכן עס וועלן אויפגעהאַלטן ווערן — אוניווערסיטעטן, מוזייאומס, פאָנדן פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, ווי אַ שטייגער אַ „ראקעפעלער פאונדיישאָן”, אַ „קארנעגי ביבליאָטעק”, אַ „נאָבעל ליטעראטור און וויסנשאַפט פאָנד” פאַר גרויסע וואָרט־מייסטערס, וויסנטשאַפטלער, סטיפּענדיעס פאַר יונגע מוזיקער, מאַלער, סקולפּטאָרן, א. אַז. וו., כדי זיין נאָמען זאָל פאַר לאַנגע דורות ניט פאַרלאָשן ווערן.

דער איש־מלחמה, דער נאַציאָנאַלער העלד — מאָנומענטן פון גראניט און מארמאָר אויף וועלכע זיין נאָמען און זיינע מעשים, פון שווערד און בלוט, זאָלן דערציילן פון אים, אויסזינגען פאַר דער יוגנט פון זיין פאָלק זיין מוט און גבורה; זאָלן די מוטיקע און בראַווע גיין נאָך דעם סליאַד פון בלוט און טרערן און מיט שטאָלץ אים דערמאָנען; לייגן בלומען און לאָרבער־קרענץ אין דעם טאָג פון זיין געבוירן. "קיין קערנדל זריעה זאָל ניט פאַרלוירן גיין, וואָס די נשמה האָט פאַרפלאַנצט”, זאָגט אונדז אָן סיימאָנדז. קיינער, קיינער זאָל ניט זיין אויסגעשלאָסן פון דעם, וואָס רופט זיך אייביק־לעבן. „אונדזער באַשאַפער”, זאָגט האָטאָרן, „וואָלט אונדז קיינמאָל ניט געווען געגעבן אַזעלכע שיינע טעג און דאָס טיפע האַרץ זיי צו געניסן אין פרייד — אויב ער זאָל ניט געווען באַצוועקן אונדז אומשטערבלעך צו באַשאַפן”.

פון די אַלע ציטאַטן און פון אונדזער אייגענעם שכל פון באַנעמען די וועלט קענען מיר לערנען, ווי ענערגיש עס איז די ראָד וואָס טרייבט אונדז צו המשך, פאָרזעץ און אייביק לעבן. ווען ניט דאָס גאָרן, שטרעבן און לעכצן צו אומשטערבלעכקייט — ווער ווייסט צי וואָלט זיך די טרייב־ראָד ניט אָפּ־געשטעלט. ווארום וואָס וואָלט זיין דער ענד־ציל פון זיין אויף דער ערד; דער תכלית פון לעבן? וואָס וואָלט דעם מענטשן געבליבן פון זיין האָווען? — נאָקעטע עולם־הזה?! און דער גרעסטער עולם־הזה־זשעבראַק וואָלט דאָך סוף כל סוף מיד געוואָרן . . . זיך איבערגעפרעסן, אונטערגעגאַנגען.

די ערד האָט שוין אומצייליקע מאָל געביטן איר פנים; לענדער — גע־ביטן זייערע נעמען, און ראַסן און פעלקער — פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונטער גאָטס הימל. זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזן גייסטיקע ירושות אין וועמעס זכות זיי אַליין האָבן זיך פאַראייביקט, און אין איינוועגס באַווירקט די דורות וואָס זיינען אונטערגעקומען; באַאיינפלוסט געוואָרן פון די ווערטן פון

די פֿאַרשוואונדענע דורות. אין דעם זכות פֿון דער ירושה — געדייען זיי און לעבן ווייטער, קייטלען זיי ווייטער די קייט פֿון אייביקן המשך.

צי זיינען אונדזערע נביאים דען היינט צו טאָג ניט ליכטיקער פֿאַר אונדזערע אויגן, ווי זיי זיינען געווען אין זייער אייגענער צייט? צי לעבן מיר, דאָס יידישע פֿאָלק (און אַזוי אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט) ניט אין דעם זכות פֿון אונדזערע גרויסע גייסטער, די תנאים און אמוראים, און גרויסע קינסטלער? וואו וואָלט אונדזער פֿאָלק — אַ פֿאָלק, וואָס לעבט שוין טויזנטער יאָרן אָן אַ היים, אָן אַ לאַנד, אָן אַ מלוכה, אָן שווערד און ביקס — געווען, ווען ניט דער גייסטיקער כח וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אונדז בירושה פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות? ווי וואָלטן מיר דערלעבט צו דערגיין צו דער וואונדערלעכער געשעניש פֿון ישראל — מעג עס דער אָדער יענער באַגריסן אָדער — אנערקענען.

סיי דער יחיד און סיי דער רבים, סיי דאָס פֿאָלק און סיי די מענטשהייט שטרעבט און זוכט דעם וועג צו — המשך, און דורך המשך צו אומשטערבלעכקייט.



**דער סופֿר** בערל סאַטט

די צוויי בילדער, האָלץ־שניצן, אין דער אויסגאַבע זיינען פֿון די גייסטע שאַפֿונגען פֿון דעם באַוואוסטן יידישן סקולפּטאָר בערל סאַטט.

סאַטט איז אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס זינט 1928.

זיינער אַ קונסט־אַלבום מיט אַריבער 30 האָלץ־שניצערייען, א.נ. „שטעטל" איז דערשינען דאָ, אין יאָר 1947. זיינע סקולפּטורן זיינען פֿאַרלאַנגט פֿון פֿאַרשיידענע באַוואוסטע קונסט גאַלעריען, צום אויסשטעל. זיינע געשטאַלטן זיינען פֿאַר אונדז אַ הייליקער און לויטערער אָנדענק פֿון יידישן שטעטל און יידיששטייגער לעבן, וואָס איז שוין, צום באַדויערן, נישטאָ מער.

# מיין חדר

ל. פיינבערג

ס'איז אָרעם אויסמעבלירט מיין חדר:
פינף אַלמערס ביכער ביי דער האַנט,
אַ טיש, אַ בעט, אַ שראַנק פאַר קליידער
און פּערצן בילדער אויף דער וואַנט.

אויפן ערשטן אָרט: מיין רבי ב י אַ ל י ק
פון הינטער דיקע ברעמען קוקט:
מיט שטערן, רינצלדיק-צעכוואַליעט,
מיט שמייכל, בליצנדיק און קלוג.

און אונטער אים — מיט דיקע וואַנציעס
יוד לאַמעד פ ר צ ' ע ס געשטאַלט:
אין מידן בליק פון שטומען ב אַ נ צ י ע
דאָס נצח-ליכט פון „מאָניש" שטראַלט.

אויף רעכטס — מיט לויכטנדיקן פנים,
אין לאַנגע באַקנבערד געראַמט,
הענגט פ ו ש ק י ן — מלך פון פּיטנים —
אין הייסע אויגן — לייב און לאַם.

אויף לינקס — מיט ליפּן מיידליש-צאַרטע,
מיט רויטע האָר — אין שוואַרצן ראָק,
פּאָעט פון „פרייַדן נישט-געהאַרטע"
מיין לערער — אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ב ל אָ ק.

מיט אויגן-גלי, אין פּיין און חידוש,
פון שוואַרצן רעמל קוקט-אַראָפּ:
מיין פאָרגייער אין מלכות-יידיש,
ה. ל י י ו ו י ק ' ס מלכות'דיקער קאָפּ.

און לעבן אים — מיט אויגן בלויע
אויף שטאָלצן, מענלעכן געזיכט —
דאָס בילד פון ל ע י ע ל ע ס — דעם כוהן,
דעם פרינץ פון כישוף-לאַנד „אינזיך".

און לינקס — אַנטוישט פון דעם באַפרייער,
אין מאַרטער-קרוין פון גרויע האָר,
הענגט מ ש ה נ אַ ד י ר פאָן נ אַ ר אַ י ע ו ו,
דער טראַגישסטער פון אונדזער דור.

און לעבן אים — דער אינגסטער ג ר א ד ע:
פון ווילנער שול־הויף — יונג און פריש —
ביז ווייטע סטעפּעס אַשכאַבאַדער
ער טראָגט דעם פלאַם פון ח ז ו ן ־ א י ש.

אין פיין־געשניצטע אַוואַל־ראַמען,
אַ זכר פון אַן אַנדער לאַנד —
די בילדער צוויי פון טאַטע־מאַמע
אויף קעגנאיבערדיקער וואַנט.

און אויף אַ ביכער־שראַנק, אַ גרינעם,
ביים שפּיגל שטייט מיין יוגנט־בילד:
מיט ווילד־צעוויכערטער טשופּרינע,
מיט בליקן העזה׳דיק, נאַר מילד.

און אויף מיין טיש, וואו כ׳זיץ און דאַוון
פון סידור־יידיש מיט אַ טרער —
פון בילד אַרונטער שמייכלט ח ו ה,
מיין ערשטע פרייד אויף היגער ערד.

אויף צווייטער זייט — לויכט פ ל א ר ע נ ס ׳ פּנים,
מיין אײדל ווייב, מיין מזל־טוב,
וואָס היט פון בייז מיך און סכּנה,
און וועט געטריי־זיין ביזן סוף.

און צווישן זיי — מיט שלאַנקע גלידער —
אַ בילד פון מיינע קינדער פינף:
דאָס שענסטע ליד פון מיינע לידער —
מיין שיין און ליכטיק הויזגעזינד.

אין רגע׳ס פינצטערע און שווערע,
ווען ס׳גליט אין האַרצן ווילדער וואַן,
כ׳הויב אויף די אויגן, פול מיט טרערן
צו פערצן בילדער אויף דער וואַנט.

איר אַלע — ליכטיקע פּאָרטרעטן,
אין ראַמען פּשוטע, אָן פּוץ —
ביים חצות פון ליד אין שעה׳ן שפּעטע
איר זייט מיין אָנלען און מיין שוץ.

מערץ 15, 1955, ניו יאָרק

# קאַליפאָרניע

— מיניאַטורן —

י. פרידלאַנד

— א —

קאַליפאַרניע!

לאַנד פון זון־שיין און שפע. שוין אין דיין ווייטן עבר, האָסטו געהאַט אַלע נאַטור־רייכע פּאָטענצן צו ווערן דאָס לאַנד פון חלב ודבש, און — ביסט עס געוואָרן! . . .

ווי לאַנג צוריק?

אין גאַנצן אַ טוצן־צענדליק יאָר, ווען ס'איז געווען דער בראשית פון דיין באַזעצונג. און אין דיין בראשית ביסטו געווען רוי, אומקולטיווירט — ווי יעדער אָנהויב . . .

אין די טיפענישן פון דיין ערד איז געווען גאָלד, און נאַפט און כלערליי מינעראַלן. און אויף דיין אויבערפלאַך, כלערליי ווילד־פלאַנצן, גראָזן און בוימער, וואָס האָבן געטורעמט צו דיינע בלויע הויכקייטן . . .

פון דיינע העכסטע „גלעטשערס״, פון דיינע שניי־באַדעקטע בערג־שפּיצן און שאָטנדיקע פאלדן, זיינען געפלאָסן דיינע וואַסערן, זיג־זאַגיש, אָן אַ סדר אין פאַרשידענע ריכטונגען אַראָפּ, צו דיינע טיפע טאָלן און ברייטע פּריירס . . .

געוואַקסן זיינען דיינע פלאַנצן און ווילד־גראָזן נאָכאַנאַנד,

ניט באַרירט, נאָך קיינמאָל, פון אַ מענטשלעכער האַנט . . .

דער רויט־הויטיקער אינדיאַנער שטאַם, האָט געלעבט דאָ פון קדמונים, און אפשר געווען צופרידן פון זיין גורל און געבוי, און פון גאַנצן אַרום אין דער פאַלקאָמענער „נאַטור אין דער רוי״ . . .

איז געקומען דער מענטש מיט וויזיע און קוראַזש; דער מענטש פון אַר־בעט און פלייס און אַריינגעבראַכט אַ סדר אין גאָטס יצירה . . .

דער פּיאָנער, דער אייביקער „באַן־ברעכער״ האָט בהדרגהדיק איבער־געביטן דעם פּרצוף־פּנים פון דיין ערד און געוויקס און האָט פאַרגרייט אַ פולע שפע, פאַר די מיליאָנען מענטשן־קינדער, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, צו דיינע ברייטע ברעגן.

דער פּיאָנער פון ארבעט און מוח האָט פאַראַנקערט, די אין־ניוועץ לויפֿנ־דיקע וואַסערן מיט פעסט געבויטע דאַמבעס און רעזערוואוארן, און ווען דאָס וואַסער האָט דערגרייכט די ראַנדן פון דיין לאַנד, האָט דער קוואַליקער שטראָם דערקוויקט דיין טראַכט, און אַ גרויסע פרייד איז אויפגעגאַנגען, ביי מענטש און ערד, פון דער דורשטיקער באַהעפטונג . . .

געקומען צו דיר איז מען פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום, אין גאָר גרויסע צאָלן; כדי צו אַרבעטן, און פראַצעווען, און געניסן פון דער שפע, וואָס פאַרגרייט פאַר זיי האָבן דיינע זוניקע טאָלן . . .

ס׳בלאַנקען דיינע שטיבלעך, ארום לאַנען און בלומען, מיט רחבות און אין פרידן . . . און אין זוניקן קאַיאַר, דער פויגל ביי דיין פענצטער, טוט זיין ליד אויסזינגען.

און הארט ביי די פוס־בערג, קאַליפּולע פאַלאַצלעך, אין זון־ליכט פון טאָג באַהעלט; און איבער זיי, אין די בלוי־הימלישע הויכן, דיינע בערג־שפּיצן מיט שניי־ווייס באַדעקט. האָסט זומער און ווינטער אין איין צייט פון יאָר, און אין איין שטח פון רוים און פלאַץ; נאַטור אין לעבן האָט פאַר דיר אוצרות צע־שפּרייט: גאָטס וואונדער! ס׳איז ניט צום אָפּשאַץ . . .

— ב —

קאַליפאָרניע!

אין דעם יאָר 1840 האָסטו זיך ערשט אָנגעהויבן צורירן — אויפוואַכן. אַ פּאָר חברה־לייט, לואיס און קלארק, האָבן דאַן אָנגעהויבן צו לויפן בי־ליקע עקסקורסיעס און די בארימטע „בארבארא קאוסט״ איז געוואָרן אַן אָפּע־נער און פרייער פּאָרט . . .

דיין ריכטיקער אויפלעבן אָבער, איז געקומען נישט פריער ביז, אַ מאַן מיטן נאָמען מארשאל האָט אָנגעהויבן גראָבן אַ גאָלד־מיין, נעבן סאקראמענטא און, אין משך פון איין יאָר האָבן זיך איבערגעוואַלגערט, ביי דיר, אַן ערך זעקס מיליאָן נפשות, פוןביידע געשלעכטער: — גאָלד גרעבער, גאָלד „פּראָס־פּעקטארס״, כלערליי אוואנטוריסטן און „געמבלערס״.

דזשאקווין מילער און ברעט ארט, דיינע צוויי בארימטע, צו יענער צייט, שרייבער האָבן אָנגעהויבן דאַן שרייבן פּאָעטישע לויב־געזאַנגען וועגן דיין קלימאַט, וועגן דיינע שיינע קאַליפּולע לאנדשאפטן און וועגן דעם „גאָלד־ראָש״.

קאליפאָרניע:

ביסט אַנטדעקט געוואָרן פון שפּאניער, געשלאָגן זיך פאַר דיר האָבן די אירלענדער, באַזעצט געוואָרן פון „יענקיס״, אויפגעבויט געוואָרן פון כינעזער און ווערסט עד־היום געפּירט פון דיינע „נייטיוו סאנס״.

מיט די שפּאנישע אין דער „סאוט״, די יענקיס אין דער „נאָרט״ און טור־ריסטן איבעראַל, האלטסטו, קאליפאָרניע, אין איין וואונדערלעכן וואַקסן. האָסט זיך אזוי צעוואָקסן, אַז מע האָט דיר געמוזט צעטיילן אויף צוויען, כדי די צוויי, די „נאָרט״ און די „סאוט״ זאָלן זיך נישט ארומשלאָגן . . .

די „קעפּיטל״ פון דער „נאָרט״ איז געווען — סאן פראנציסקא, און פון דער „סאוט״ — לאָס אנגעלעס.

סאַן: מיינט „סעינט״ — הייליקער און אנדזשעלעס מיינט „ענדזשעל״ — מלאך . . .

אָבער דאָס ,פאַרגעסט ניט, איז געווען לאַנג, לאַנג צוריק.

סאן פראנציסקא איז קיינמאָל נישט געווען אַ שטאָט פון הייליקע. און לאָס אנגעלעס איז ווייט פון צו זיין אַ שטאָט פון מלאכים . . .

היינט האָט סאַן פראַנציסקא מערער רעסטאָראַנען, וועלכע טראָגן נעמען פון היינט, ווי וועלכע סע איז שטאָט אין דער וועלט.

די גאַנצע וועלט באַצייכנט איר צייט־רעכענונג, פריער און נאָך דעם געבורט פון קריסטוסן. סאַן פראַנציסקא באַצייכנט איר צייט, פריער און נאָך דעם פייער. (ערד־ציטערניש).

## קאַליפאָרניע:

ביסט געוואָרן דער שמעלץ־טאָפּ פון אמעריקע. מע קומט צו דיר פון אַלע טיילן פון לאַנד. דיין לאס אנגעלעס, האָט אָן אַ שיער טוריסטן, „ריעל־עסטייט אַגענטן און פילם אַקטיאָרן.

איינע פון די גרעסטע פּאַרמעגנס אירע (און ווערט אגב זעלטן דערמאָנט ביי אירע איינוואוינער) איז דער — קלימאַט.

לאָס אנגעלעס האָט אייגנטלעך, צווייערליי קלימאַטן: אַ פּאלקאָמענער און אַן אומגעוויינלעכער. איז שיין און זוניק, באַרימט מען זיך מיט זיין פּאלקאמענקייט. איז אָבער קאַלט, רעגנדיק און „סמאָגי", זאָגט מען דאַן — אַן אומגעוויינלעכער וועטער! . . .

דיינע איינוואוינער דאָ, זיינען אָדער רייך, אָדער האָפענונגסלאָז אָרעם און די שטאָט איז באַרימט געוואָרן פאר אירע פילע אמיוזמענט פּלעצער און אָפטע קלאַגעס קעגן מעיאָר און די שטאָט־טאַטעס.

לאָס אנגעלעס! האָסט מער שיינע פרויען, ווי וועלכע סע איז שטאָט אין דער וועלט, אָבער אַלע קומען זיי פון ערגעץ, כדי אַריינצוקומען אין די „פילמס".

דיין שיינע האליוואוד ווערט גערופן די שטאָט פון גליקלעכע היימען. ס'איז מסתמא דערפאַר, וואָס מאַן און ווייב דאָרטן, לעבן אין באַזונדערע היימען...

## קאַליפאָרניע!

דיינע יידן אין לאס אנגעלעס האָבן דיך אויך נישט פאַרשעמט: פּאַראַלעל מיט דעם וואוקס פון דיין שטאָט, זיינען זיי בהדרגה'דיק מיטגעגאַנגען און מיט־געשאַפן אין דיין גרויסן וואוקס און אַנטוויקלונג: פון זעקס יידן מיט אַ וואָסערע הונדערט יאָר צוריק, איז דאָ אויסגעוואָקסן, קיין עין־הרע, אַ לעבעדיק־שפּרודל־דיקער ישוב, פון קרוב צו פיר הונדערט טויזנט יידישע נפשות, כן ירבו. און געקומען איז מען אהער פון אַלע עקן פון די אַמעריקעס, און מיטגעבראַכט האָבן זיי, זייער יוגנטלעכע טעטיקייט און געמאַכט פון דיין לאס אנגעלעס דאָס, וואָס זי איז — אַן עיר ואם בישראל . . .

## קאַליפאָרניע!

מיט דיינע 158,693 מייל, ביסטו דער צווייטער גרעסטער שטאָט אין לאַנד — אין שטח. און ווערסט אויך באַלד דער צווייטער — אין כמות.

דיין באַרג „ויטהני" איז דער העכסטער פּונקט אין אמעריקע: פופצן טויזנט פוס די הויך. און, בסך הכל אַכציק מייל פון אָט דעם אייביק מיט שניי־באַ־

דעקטן באַרג־שפּיץ, ליגט דער נידעריקסטער פּונקט — דער „טויטער טאָל״ וואָס איז 276 פוס הינטער דער וואַסער־פלאַך.

קאליפאָרניע:

ביסט פאַר׳שמ׳ט איצט ביי דער וועלט מיט דיינע צאָלרייכע האָטעלן, גוטע וועגן, שיינע לאַנדשאַפטן, פּיפּיקע פּרעס־אַגענטן, „לאָונדריס״, פילם־הייזער, אויטאָמאָביל אייגנטימער, בלומען און לאָקאַלע אייפערזיכטיקייט.

חוץ די אַלע זאַכן, ליב איך דיר קאַליפאָרניע:

איך ליב דיינע בערג און טייכן, דיינע מדבריות און ים־ברעגן.

מיין איינציקער טרוים אין לעבן איז: באַזעצן זיך אין אַ שיינער באַשיי־דענער „באַנגעלאָ״ אויף אַ קליינער פאַרם, באַשאָטנט פון דיינע הויכע עקאַ־ליפּטן און קאַלירפולע בלומען, און דאָרטן, אין דעם גאָלדענעם זון־שיין און אין די בלויע זילבער לבנה־נעכט, וועל איך זען פאַר זיך וויזיעס און פאַנ־טאַזיעס, פון אַ וועלט אַ ליכטיק־שיינע און אַ גייסטיק־קאַלירפולע . . .



אַ קאליפאָרניער בילדל — קאָוונער־גראַדסקי

# דערהערן אַ גראָז געבוירן . . .

פון א. לוצקי

לאָמיר ליגן אין דער שטילקייט אויפן פעלד.
די אויגן אויפגעמאַכט צו דער ערד.
לאָמיר אָפּוואַרטן אַ גרעזעלע
וואָס שפּאַרט אַרויף דאָס קעפּעלע
פון ווייסטעניש און ענגעניש אַרויס
צום ערשטן מאָל אין זיין געשיכטע
אויף אַ פרייער וועלט . . .

לאָמיר זען ווי אַזוי עס ווערט
אַ גרעזעלע געבוירן.
לאָמיר האַלטן אָנגעגרייט אַן אויער
צו דערהערן די געשרייען,
די געוואַלדן,
פון דעם ערשט געבוירן גרעזעלע
פון מאַמע ערד אַרויס.

עליהיי, אַ ניי געבוירן קעצעלע,
אַ הינטעלע,
אַ וואָלפעלע,
אַ מענטשעלע פון מאַמעס טראַכט אַרויס.

יעדער ניי געבוירן שרייט.

לאָמיר האַלטן אָנגעגרייט דאָס קעסטעלע
וואָס זאַמלט איין די קולות.

וועלן שפּעטערדיקע דורות
קאָנען הערן די געשרייען
און די ווייען
פון אַ ניי געבוירן גרעזעלע
פון היינטיקן, דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.
פון איבער מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.
פון אונדזער אַנהייב אַטאָם צייט . . .

וועלן יענע שפּעטערדיקע דורות
טאָן פאַרגלייכן די געשרייען
מיט די קולות פון אַ גרעזעלע
אין זייערע צייטן
ווען סע ווערט געבוירן . . .

וועלן זיי אַזוי אַרום שטודירן
די אַנטוויקלונג פון דעם ערד־קוגל . . .
און זיי וועלן זיך אַזוי אַרום דערוויסן
די באַגאַבונגען פון מענטש אין אונדזער צייט
אין ניינצן הונדערט פופציק פינף.

לאָמיר זען,
לאָמיר הערן די געשרייען
פון אַ גראָזעלע וואָס ווערט געבוירן . . .

אויגוסט 12, 1955, ניו יאָרק.

# פּרצעס משוגענער בטלן *)

## — דראַנג צו זעלבסטדערקענטעניש —

### וויליאַם נאַטאַנסאָן

I

אַ פילאָסאָפישע פּראָבלעם, קינסטלעריש געשטאַלטעט, מיינט, אַז נישט נאָר ווערט פאַר אונדז די פּראָבלעם פאָרמולירט, נאָר עס ווערט אויך געמאָלן פאַר אונדז קאָנקרעט די געשטאַלט און די סיטואַציע, וואָס האָבן גורם געווען די פּראָבלעם. די קינסטלערישע פאָרם צווינגט אונדז דורכגעמומען צו ווערן מיט די האַנדלונגען און אויפפירונגען, מיט די ווירקונגען און קעגנווירקונגען, וואָס פאַר זיי איז די פּראָבלעם פאַראַנטוואָרטלעך אָדער, פאַרקערט, וואָס זיי זיינען פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך.

זיכער וועט דער, וואָס איז באַהאַוונט אין פילאָסאָפיע, ניט געפינען אין שעקספּירס „האַמלעט״ קיין איין נייע פּראָבלעם, קיין איין נייעם ענטפער אויף די פראַגן מכח דער שייכות צווישן גאָט, מענטש און וועלט. און זיכער האָבן די פילאָסאָפן געמוזט דורכגיין אַלערליי נשמה־אַגאָניעס, איידער זיי האָבן פאַר אונדז אויף פילאָסאָפישע דרכים געזעצט אין באַוועגונג די פּראָבלעמען און זייערע אויסגעווייטאָקטע ענטפערס. אַלע פילאָסאָפישע ביכער אָבער אינאיינעם גענומען זיינען ניט ביכולת אַרויסצורופן אין אונדז אַזעלכע געפילן פון ווייטאָק און צער, ווי מיר לעבן דורך, בעת מיר לייענען שעקספּירס „האַמלעט״. מיר ווערן מיטגעריסן מיט די געשעענישן, וואָס האָבן אויף שטיקלעך צעריסן האַמלעטס נשמה און האָבן אים מאָמענטנווייז געבראַכט אין אַ צושטאַנד, וואָס ווישט אָפּ די גרענעץ צווישן קלאָרקייט און משוגעת. אין אַזאַ צושטאַנד ברעכן זיך דורך דורכן גייסט אַלערליי פּראַגן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן פון די פילאָסאָפן פאַר אים און נאָך אים. פאַר האַמלעטן אָבער טראָגן נישט די פּראַגן קיין אַבסטראַקט־ספּעקולאַטיוון, נאָר אַ קאָנקרעט רעאַליסטישן כאַראַקטער. „צו זיין אָדער ניט זיין?״ מיינט טאַקע פאַר אים, צי זאָל ער — האַמלעט — יאָ אָדער ניט באַגיין זעלבסטמאָרד? צי זאָל ער, יאָ אָדער ניט, מאָרדן דעם מערדער פון זיין טאַטן? „צי זיינען פאַראַן זאַכן גוטע און זאַכן שלעכטע אַן און פאַר זיך, אָדער קיין זאַך איז אין זיך גופא ניט גוט און ניט שלעכט, נאָר דאָס דענקען מאַכט, אַז עס זאָל זיין גוט אָדער שלעכט?״ — דאָס איז אַ פּראַגע, וואָס גייט האַמלעטן אין לעבן אַריין, וואָרום אין ליכט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער ענטפער צו דער פּראַגע, דאַרף ער ווענדן דעם נעקסטן טראָט פון זיין האַנדלונג צו די מענטשן אַרום אים.

ניט נאָר, אַלזאָ, באַקענען מיר זיך דורך „האַמלעט״ מיט פילאָסאָפישע פּראַגן און ענטפערס, וואָס באַציען זיך אויף דעם זיין פון גאָט, מענטש און

*) פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט.

וועלט, נאָר מיר לעבן אויך דורך די פּיינען, וועלכע זיינען געוועזן אין אַ זין די סיבות און די פּועל־יוצאס פון דעם פילאָסאָפיש־פּסיכאָלאָגישן שטורעם, וואָס האָט האַמלעטס נשמה ווי אַ שיפל געקערט און געשליידערט אויפן ים פון מענטשלעך־אוניווערסאַלער עקסיסטענץ.

ווי מיט שעקספּירס „האַמלעט״, אַזוי אויך מיט אונדזער אייגענעם פּרצעס „גאָלדענע קייט״.

פיל פילאָסאָפישע ווערק זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אויף צו באַווייזן, אַז עס מוז זיין אַ גאָט אויף דער וועלט, און דאָך קריצט זיך איין צום שטאַרקסטן אין דער נשמה דער איינדרוק פון די פּשוטע ווערטער, וואָס רייסן זיך אַרויס פון האַרץ פון פּרצעס לאה — אַ האַרץ פול מיט יאוש און צער:

עס קען ניט זיין קיין הפקר־וועלט —<br>
איז דאָ אַ וועלט, מוז זיין ווער —<br>
וואָס פירט די וועלט —<br>
מוז זיין אַן אויג, וואָס קוקט אויף איר.<br>
אין אונדז, אין אונדז שלאָגט אַ האַרץ,<br>
די וועלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ!<br>
אַ באַרעמהערציק האַרץ —

מיט לאהן טראַכטן מיר ניט, צי איז עס לאָגישער פאַרצושטעלן זיך די וועלט מיט אָדער אָן אַ גאָט. צוזאַמען מיט לאהן לעבן מיר דורך דעם צער און לייד פון לעבן אין אַ הפקר־וועלט, מעג אפילו די דאָזיקע וועלט זיין אונטער־געוואָרפן די שטרענגסטע געזעצן. מיט איר לעבן מיר דורך די שרעקלעכע טראַגעדיע פון גרויסן אומזין פון אַלע אונדזערע האַרץ־קלאַפּענישן און נשמה־ציטערנישן, אויב עס זאָל ניט זיין קיין אוניווערסאַל האַרץ, קיין אוניווערסאַלע נשמה — דער סינטעז פון אַלע הערצער און נשמות.

ווי מיט לאהן, אַזוי אויך מיט אונדזער העלד בערל חנהציס אין פּרצעס „משוגענער בטלן״.

II

ניט ניי איז די פּראָבלעם: ווער בין איך? ווער איז דער „איך״ אין יעדן איינציקן פון אונדז, וואָס ווי אַ שאָטן לויפט נאָך דעם „מיך״? אַלט איז די פּראָבלעם, וואָס פּרץ שטעלט דורך בערל חנהציס. דאָך גיסט זיך איבער אין אונדזער נשמה די וואַרעמקייט, וועלכע ער דערפילט ביי זיך אין קאָפּ פון אָנגעשטרענגטן טראַכטן: „ווער און וואָס איז דער איך אין מיר?

„נו, ווער־זשע בין איך צו אַלדי שוואַרצע יאָר?

„עס האָט געמוזט אין מיר אַריין אַ דיבוק, עס מוז עמיץ זיצן און קלערן איבער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַליין קלער, אַ והא ראיה, ווען איך האָב כח, האָט יענער אויף מיר קיין שליטה ניט, קלער איך וויניקער! און באמת, די חקירה איז, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט קאָן ניט איבערקלערן זיך

אַליין! — ווי הייסט, איך וועל זיך משיג זיין? איך וועל זיך אַרויסרייסן פון מיר אַרויס, אַוועקשטעלן זיך אָדער אים אין אַ זייט, „ער״ זאָל קוקן אויף מיר: איך — ער זאָל קוקן אויף ער — איך!״

די פראַגע: „ווער בין איך?״ האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעשניטן אין דער נשמה פון בערל חנהציס דערפאַר, וואָס די וועלט ארום אים האָט אויף זיין „איך״ זיך גאָר ווייניק אַרומגעקוקט. די אַרומיקע וועלט זיינע האָט מיט יעדן נויג און בויג צו אים געלאָזט אים וויסן, אַז ער, בערל חנהציס, איז קיינער ביט, אַז ער איז ניט קיין עפּעס, וואָס פאַרמאָגט גאַנצקייט, וואָס האָט אַ וואָג און געוויכט, אַז אין אים איז ניטאָ דאָס, וואָס זאָל דינען ווי אַ סובסטראַט פאַר אַלע זיינע אויבנאויפיקע, זיך שטענדיק בייטנדיקע און ניט לאַנג אָנהאַלטנדיקע באַנעמונגען און האַנדלונגען. די וועלט האָט ניט געזען אין אים קיין ספּעציפישעס און פּערמאַנענטעס און קיינע אַנדערע שטריכן פון דעם מין, וואָס שטעלן צונויף דאָס, וואָס מען רופט אָן „איך״, אָדער „זעלבסט״, וואָס איז נאָך טיפער פאַר „איך״.

ער אַליין אָבער האָט פאַרמאָגט אין זיך גענוג זעלבסטקייט אויף צו דורשטן צו זיין עפּעס, וואָס זאָל קאָנען אויף וועלכן עס איז אייגענעם, בערל חנהצישן אופן, רעאַגירן אויף דעם קליינעם וועלטל אַרום אים. געווען איז דאָרט אָבער בלויז דער באַגער. געפעלט האָט איינגאַנצן דער כח זיך באמת צו שטעלן קעגן דער וועלט און זי צווינגען צו אנערקענען די מאַכט און קראַפט פון דעם קליין געוויכטיקן אָבער היפש באַדייטנדיקן מענטשעלע — בערל חנציס, אין וועמען עס צאַפּלט זיך אַ שוואַך, אָבער אַ טיף נשמהלע. עס ראַנגלען זיך שטענדיק אין זיין גייסט דער שטאַרקער דראַנג צו זיין עפּעס, מיט דעם פול-מיט-ווייטאָק געפיל פון מאַכטלאָזיקייט. דער געראַנגל ברעכט אויס אין דער ביז-בלוט-זיך-איינשניידנדיקער פראַגע: „ווער זשע בין איך פאָרט, צו אַלדי שוואַרצע יאָר?״

ווייניק רעכנט מען זיך מיט בערל חנהציס אין זיין שטעטל ציכאַנאָווקע, און ווען ניט טויבעלע, וואולף סוחרס וייב, וואָס קוקט זיך אַרום אויף אים און וואָס צו איר טוט ער גלוסטן, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז אין דעם כרך, וואו בערל חנהציס איז געבוירן געוואָרן, און וואו ער האָט כל ימיו געוואוינט, רעכנט מען זיך מיט אים גאָר ניט. דערפאַר אָבער וויס פון אים יעדער איינער אין זיין שטעטל; יעדער איינער קען בערל חנהציס, און אויך דאָס גיט אים אַ ביסל נחת-רוח. אונדזער העלד פוילט זיך אָבער ניט צו טרוימען וועגן זיין אַ בערל חנהציס, וועמען מען זאָל איבעראַל, אפילו אין אמעריקע, דערקענען. אים טוט ווי דער געדאַנק, אַז ווען איינער זאָל ראַפּטום אַ זאָג טאָן אין אַמעריקע, אין בית המדרש, בערל חנהציס, וואָלט קיינער ניט געוואוסט, אַז מען מיינט אים.

בערל חנהציס גאַרט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה, אַז מען זאָל אים אנערקענען. ער ליידט שרעקלעך דערפון, וואָס ער איז עפּעס ניט קיין גאַנצעס, קיין עטוואָס, וואָס זאָל זיין אַ מין סינטעז, אַ מין באַשטענדיקער אָרגאַנישער צונויפגוס פון אַלע פּיצעלעך און ברעקעלעך; אַ מין פייערל, וואָס פון

אים זיינען די צעבערעקלטע און צעפּיצלטע נשמה־שטויבעלעך נישט מער ווי פונקען. און ווי גרויס אין צאָל עס זאָלן ניט זיין די פונקען, לאָזן זיי אומבאַ־רירט די גאַנצקייט פון פייער. בערל הנהציס שפּירט אָבער, אַז אויף צו זיין מענטש, מוז מען האָבן אַן איך, מען מוז האָבן אַ ווילן; מען מוז קאָנען זיך איינ־שטעלן און קעגנשטעלן; מען מוז פילן, אַז מען קאָן רעאַגירן און איבעראַנדערשן דאָס אַרומיקע; מען מוז האָבן די שפּירונג, אַז געוויסע זאַכן ווערן פון מיר געטאָן דערפאַר, וואָס איך, חיים אָדער בערל, וויל, אַז זיי זאָלן אַזוי און ניט אַנדערש געטאָן ווערן.

בערל הנהציס, דער משוגענער בטלן, פילט און ליידט פון זיין ווילנס־לאָזיקייט. „נעכטן ערשט‟, אַזוי דערציילט זיך אַליין דער משוגענער בטלן, „דער עולם האָט געלאַכט, וואָס איך בין געבליבן שטיין אויף איין אָרט אפשר אַ שעה! איך ווייס, וואָס איך בין געשטאַנען! איך האָב ניט געקאָנט גיין; מען האָט געהאַקט האָלץ אויפן שול־הויף, האָב איך געוואָלט גיין פּרוּוון, צי איך קאָן אַ שייט האָלץ צעהאַקן, צי קאָן איך אַרבעטן . . . איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין, שטייען צוויי בענק: אין דער זייט אַ באַנק, אין יענער זייט אַ באַנק. דאָ דערציילט מען, אַז מען הייצט די באָד, הייבט מיר אָן בייסן דאָס גאַנצע לייב און איך וויל צוגיין צום קעסטל אַרויסשלעפּן דאָס בעזעמל און גיין אין באָד אַריין . . . קעגנאיבער האָט זרח דער מלמד דערציילט יענקל קעצלען, אַז אין „בעל עקדה‟ איז דאָ אויף דער היינטיקער סדרה אַ פּלאַי־פּלאַימדיקער דרוש! וויל איך וויסן, וואָס זרח דעם מלמד איז געפעלן, צו־לויפן צו דער מזרח־וואַנט און אַראָפּכאַפּן דאָס ספר . . . נו, בין איך טאַקע געשטאַנען! די פיס האָבן ניט געוואוסט, וועמען צו פאָלגן: צי דעם בערל הנהציס, וואָס וויל גיין האָלץ האַקן, צי דעם בערל הנהציס, וואָס וויל גיין אין באָד אַריין, ווייל עס בייסט אים, צי דעם בערל הנהציס, וואָס וויל וויסן, וואָס זרח מלמד איז געפעלן.

גאַנץ קשה, און מיט רעכט, ווערט דעם משוגענעם בטלן, וואָס דער גייסט, וועלכער זיצט אין קערפּער, ווי אַ טייבעלע אין שטייגעלע, דער גייסט, וועלכער איז דער חלק אלוה ממעל, זאָל זיך אויפפירן אויף אַ דרך, וואָס שטימט ניט מיט די כללים פון עטיק און עסטעטיק. „דוד המלך, עליו השלום, זאָגט‟, אַזוי רעדט ווייטער צו זיך בערל הנהציס, „יונתי, הייסט מיין טייבעלע, וויל דאָס טייבעלע האָלץ האַקן, אין באָד אַריין גיין, אַראָפּגנבענען פון שלח מנות, אַוועק־שניפּן אַ קיכל ביי דער שמש׳טע, און תוך כדי דבור זען דעם בעל עקדהס דרשה? פו, טייבעלע, מיט שיין ביסטו. מעגסט זיך שעמען!

„כאַ־כאַ־כאַ! בערל הנהציס איז אַ טייבעלע, אַ פייגעלע, בערל הנהציס האָט אַ קליין פיסקעלע, מיט פליגעלעך, בערל הנהציס וועט אַמאָל ארויספליען פון דער שטייג. נו, בערל הנהציס, דעמאָלט וועסטו אויך קלערן, ווער דו ביסט? אויך זיין אַ יתום, אויך זיין משוגע? אוודאי, ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז אַ יתום?

אין דאָזיקן שמועס מיט זיך אַליין ווערן שוין געשטעלט אַלערליי פראַגן בנוגע דער שייכות צווישן דער נשמה, ווי זי איז אין דעם מענטשן, און דער

נשמה, ווי זי איז אין איר אַבסאָלוטהייט. אויף די דאָזיקע פראַגן האָט ניט דער משוגענער בטלן קיין ענטפער און עס איז דערום קיין וואונדער ניט, וואָס ער שרייט ווידער אַמאָל אויס מיט גרויס פּיין: רבונו של עולם! ווער בין איך פאַרט?

דאָס, זעט אויס, איז די פראַגע, וואָס האָט געעגבערט דעם מוח פון פרץ. און אויף אַ שיינעם, קינסטלערישן אופן האָט ער אונדז געמאַכט צו דערפילן איר גרויסע וויכטיקייט. אין די צאַפּלענישן פון דער טיפער נשמה פון דעם משוגענעם בטלן דערפילן מיר, אַז אין דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע זיינען פאַרוויקלט גאָר אַ סך שייכותן צווישן גאָט, מענטש און וועלט. פרץ איז געווען ניט נאָר קינסטלער, נאָר אויך דענקער. און דער דענקער מוז אַלע מאָל קומען צו דער פּראָבלעם וועגן שייכות צווישן רעלאַטיוו און אַבסאָלוט, צווישן אינדיווידועלן און אוניווערסאַלן, צווישן צייטוויייליקן און אייביקן. דאָס זיינען אַלץ שייכותן, וואָס ווארפן אַ ליכט אויף דער פּראָבלעם: וואָס און ווער בין איך? אויף דער פּראָבלעם:

וואו איך בין, און וואָס איך בין
און ווער עס שפינט מיך אין געשפין
און וואָס איז פון שטרייט דער זין?

(א. לעיעלעס, „דער באַרג".)

**זיי ווארפן אַ שטראל אויף דעם „ממה־נפשך".**

ממה־נפשך! האָסטו מיך, גאָט,
באַשאַפן אין דיין פורעם,
פאַרוואָס־זשע, בין איך נישטיק, קליין —
אַ זעמדל שטויב אין שטורעם ?

* * *

איך זאָל דיר אונטערטעניק זיין,
דיין מינדסט געבאָט דערפילן?!
פאַרוואָס־זשע האָסטו איינגעפלאַנצט
אין מיר אַ פרייען ווילן?

גלייכצייטיק זיין אי קנעכט, אי האַר,
אי קרוין פון דיין יצירה?
ווי קאָן איך, אַז איך בין אַליין
מרידה, סוד און סתירה!

ה. רויזענבלאַט,
(„אין שענצטן טאָג פון האַרבסט".)

# נאָר זינגען קען איך ניט

מלכה ה. טוזמאַן

דו ביסט מיר ליב, אַ שטאָט מיינע, על. עי.
נאָר זינגען קען איך ניט צו דיר
ווי זיי, די אַנצאָליקע באַזינגער דיינע,
וועלכע לידלען פערזן אין געמאָסטענע און פרייע שורות.
זיי רימען די באַצווינגער דיינע וועלכע
באָדן זיך אין דיין עשירות.
זיי קומען אויף אַ ווייל און לאָזן וואוילגיין זיך
מיט קוש פון דיינע זונען
און צעשאַלן
לויב צו דיינע גלעטנדיקע, שפרודלדיקע קוואַלן.

איך האָב דערבליקט די וואונדן אונטער דיינע קווייטיקע אוזאָרן,
איז מיין געטריישאַפט דיר
מער שטאַנדהאַפטיק געוואָרן.
באַגלייך מיט דיינע ביימער־שפיצן וואָס ביים ראַנד
פון אָרעמגאַס — דיין שאַנד
טייטל איך דורך אזשור־בלוי ביז צום סאַמע הימל.
באַזאָמען מיט דעם איישאַל־ווייסן מאַגנאָל בלום
אומער איך ביי דיינע בלאָטערן וואָס פיבערן
מיט סם פון אָפּיאום.
אינאיינעם מיט דיין פילקאָלירטן רויז אַנגסטיק איך
ביי דיינע אָפּגרונטן וואו ס׳האַלט זיך אויף פּערווערז —
קרומוועג פונם אוניווערז.
כ׳טרויער ביי די נאָרעם דיינע וואו ס׳כפל׳ט זיך פאַרברעך
און ביי די נעסטן וואו די פעסט
רויבט די מענלעכקייט פון דיינע יונגע זין
און צעפרעסט
דאָס פרוכפּערדיקייט פון די שיינע טעכטער דיינע.

שטאָט מיינע, דו וועלט־באַרימטע! דו שמעקעדיקער הדס!
דיינע פאַלשע ליבהאָבער זינגען אָדעם
צו דעם קליינעם, צאַרטן בלימל וואָס אויף וואונדער
זונט אויף קאַקטוס אין גראַטעסקן אויסגעקניפּטן.
דיינע פאַלשע ליבהאָבער קוויקן זיך מיט אַראָמאַט
פון דיינע אייקאַליפּטן.

דיינע פּאַלשע ליבהאָבער נאַשן אויס דיין האָניק, זיסע שטאָט.
זיי שיקן לופט-קושן צו דיר פון אָפּפלי-עראָפּלאַנען
נאָכדעם אין סאַנעטן וועלן זיי
דיין נעאָן-גלאַנץ דערמאָנען.

אין די הויכן
איבער דיינע גאַזן-רויכן
זע דעם מלאך דיינעם, שטאָט.
מיט איין ווייסן פליגל דעקט ער צו זיין פּנים
און מיט צווייטן, אָנגעצויגן ווי אַ גנאָמאָן
וויל ער אָפּמעקן פון דיר זיין נאָמען
דאָך מעקן טוט ער ניט.
און איך
וואָס שפּיר די שנאה לויערן פון ווינקלען טונקעלע
נאָך מיינע איילנדיקע טריט,
האָב דיך ליב, על. עי. און כ׳זוך ניט קיין אַנטרין.
נאָר ס׳איז אומעטיק מיין שמייכל אין דער קילקייט
פון דיין נאַכטיקן יאַסמין.
נאָר ס׳איז ניט ניחא מיר פון דיינע ציטרוסן דער חיות׳דיקען צוויט
און אין קאַראַהאָד פון די חסידים — דיינע קייטלדיקע בערג
קוים איך וויג זיך מיט.
און זינגען קען איך ניט.

## פּאָלק און ערד — אלף-בית פון קיום

### מאָטעס דייטש

— א —

די ערד זאַפּט איין אין זיך
אַלע וואַסערן און שלאַקסן;
אַלע טויען און בלוטן —
אַרוים שיקט זי אַלדאָס וואַקסן.

פאָלק זאַפּט איין אינם בוזעם
אַלע לערעס, אַלע דאָגמעס און חלן,
אַלע שירים און תּפילות —
דעם שלל ביטערקייט פון גלות׳דיקע גאָלן.

משה האָט די יידן אַריינגעפירט קיין מואב; פון שפּיץ פּסגה
זיין בליק געווירעט ארץ ישראל פון ראַנד צו ראַנד,
נאָר אים אַליין ניט באַשערט געווען מיט איין טראָט
אָנצורירן דעם באָדן פונם צוגעזאָגטן לאַנד.

אָ, וויפל פון די קינדער משהס, היימס,
בערלעך,-שמערלעך פון דער צייט (די מענטש-פרעסערקע)
און די שוועסטערס חנהס, רבקהס און חוהס,
האָבן יאָ זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד ישראל'ס?

נאָר לייגן זיך געמוזט אין-איר-אַריין, יונג און שטאַלץ,
אָן אַ קוש, ווי משה'ן אויפן באַרג, נבו איז געווען באַשערט?
אוי, וויפל איז דאָ פּיין אין אָט-דער אויסדערוויילטקייט?
און וויפל איז דאָ פרייד אין אָט-דעם גורל'ס רעכט?

ווען פאָלק ווערט ערד, ערד, ערד!
צי גאָר — רויך! טאָקע רויך, רויך — הימלדיק רויך . . .
דערפאַר אפשר שפּאַצירט עס אַרום אין דער הויך?
אַ פאָלק צווישן די מזלות שטערן — פון אין-סוף דער כוח . . .

דאָרט וואו דער אלף ווערט איך, אָנכי;
דער בחיר-היצורים פון אַלע שכלדיקע אייביקייטס-זאָרגן . . .
דער בית — אין אַלוועלט פאַרקנאָטן — קאָסמיש ברוים.
דער למד — לייב פאַרן אומענדלעכן צדק'דיקן מאָרגן!

— ב —

וואו קומט אַהין אַזויפיל וועלט-חכמה?
אַזויפיל דורות'דיק געדולד פון — נו? נו?
די טרערן, געזאַנג און געלעכטער —
די פּאָעזיע פון רו און פון אומרו?

אַלץ פליסט שיקזאַליק אינם פאָלק אַריין;
ס'ווערט פאָלקס-ווערטל, פאָלקס-טאַט ליכטיק העל;
ביז אַ ראַסן-חכמה ווערט בדמיך חיי — זיין!
אין הויטשטריכן פון וואָרט, פון צעל און זעל . . .

אָ ייד! וואונדער-וואָנדער-שפּראָצונג-מין;
קינד פון אַלוועלטיקע אָבות אין אימהות-שטאָם;
מאַרטירערשע עמבלעם אינם גורל פון נביאישן זין.
יידיש פאָלק. אויסגעוויילטקייט דורך רויך און פלאַם . . .

ביזט פון אַמאָל, פון איצט און פון ווייטער,
דער באַשטאַנדטייל פון פעלקער-געבורטן; די שטים;
דאָס געבאָט און סיום פאַר נייע, ממשותדיקע וועלטן!
מיין פאָלק! מיין ערד! — אלף-בית פון קיום — — — —

# מלחמה

— דערציילונג —

**נח גאָלדבערג**

ביז דער צווייטער וועלט מלחמה האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז פון ראַזיטן וועט ווען עס איז ווערן אַ שטיקל מענטש. מחמת געווען איז זי איינגאַנצן ארום פיר פוס די הויך, מיט צוויי ארויסגעשטאַרצטע ציין; איינער אָפּגערוקט אויפן אנדערן אויף אַ היפּשן מהלך. הפּנים, אַז צוליב דעם זיינען ביי איר די ווערטער שטענדיק ארויסגעקומען מיט אַ פּייפנדיקן ס־סין.

געהאַט האָט זי אַ קליינעם, דריי־קאַנטיקן פּנימל אויף וועלכן עס איז קיינמאָל קיין פריידיקע מינע ניט געווען. די גראַבלעכע ליפּן האָבן אויף זיך אַ שמייכל ניט ארויפגעצויגן, ווי דאָס האָבן געטאָן אנדערע מיידלעך פון איר עלטער. אין אירע ברוינע, שמאַלינקע אויגעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי האַלב צייטיקע קאַשטאַנען — איז שטענדיק געלעגן אַ מורא פאַרן שכורן טאַטן, פאַר דער דיקער און בייזער מאַמען, וואָס איז אַלעמאָל ארומגעגאַנגען אין אַ פאַרשמאַלצעוועטער קלייד און שוין אַביסל צו אָפּט און צופיל געצלמט זיך, געקניט פאַר די געטשקעס אויפן וואַנט און אויסגעלאָזט איר פאַרביטערט האַרץ אויף ראַזיטן:

— פאַרזעעניש! קער אויס די שטוב! — אָדער — פּעטיסאַ (קאַרליק) וואַש אויס די פענצטער! אַ מויד פון צוואַנציק יאָר, זאָל דאָס זיצן אין שטוב און פרעסן אומזיסטיקן ברויט! . . .

נישט בלויז טאַטע מאַמע, נאָר אפילו אירע עלטערע צוויי שוועסטער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט נייען אויף מאַשינען, געאַרבעט אין שעפּער (פאַבריקן) און אַלע סוף וואָך אהיים געבראַכט פאַרמאַכטע קאָנווערטלעך מיט געהאַלט, אפילו זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון זייער ניט גערא̈טענער שוועסטער. איז דאָך שיין קיין וואונדער ניט, וואָס די מיידלעך פון די ארומיקע גאַסן האָבן זיך ניט געוואָלט חברן מיט איר און וועגן בחורימלעך איז שוין געווען אָפּגערעדט.

אין איר דער שלאָגנקייט האָט ראַזיטאַ אַלעמען געפאָלגט, געטאָן וואָס מען האָט איר געהייסן און אויף אַלע באַליידיקונגען אפילו מיט אַ פּיפּס ניט געענטפערט. ווען דער טאַטע צי די מאַמע פלעגן אויף איר אָנפאַלן, אָדער דערלאַנגען אַ פּאַטש, איז ראַזיטאַ געשטאַנען אַ הילפלאָזע און מיט געבעט אין די אויגעלעך געקוקט אויף דער „הייליקער מוטער", אונטער וועלכער עס האָט כסדר געברענט אַן אויל־לעמפּל אין אַ רויטן גלעזל און, אויסגעדוכט האָט זיך, אַז דאָס מיידל האָט געזוכט הילף ביי דער געטשקע.

נאָר ווען אַמעריקע איז אריין אין דער מלחמה און די שיינע, ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסענע שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, האָט זיך מיט אימפּעט אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און אויף די פאַבריקן ווענט האָבן זיך שילדן באַוויזן, אַז „מען פאַדערט הענט" — דעמאָלט איז ראַזיטאַ אַוועק זוכן מזל.

לאַנג האָט זי ניט געדאַרפט זוכן. אין אַ ווילע ארום האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויסער געביידע, אויף היל־גאַס, און דערזעענדיק אַ קאַר־

טאָנענעם שילדל, וואָס איז פון אַ טשוואָק אַראָפּגעהאנגען אויף צוויי שטריק־לעך און פאַמעלעך באוועגט זיך אינם ווינטל, האָט ראזיטא צעלופעט די קליינע קוקערס און קוים איבערגעלייענט: „אַ פלאָר גוירל (אַ שיק־מיידל) צו פרויען מאנטלען זאָל זיך מעלדן אויפן זעקסטן שטאָק״.

ראזיטא איז קיינמאָל אין א שאפּ ניט געווען. פונדעסטוועגן האָט זי ניט אזוי מורא געהאַט פאר דער שווערער אַרבעט, ווי פאַר די מענטשן דאָרטן. וואָס ביים ערשטן קוק אויף איר — וועלן זיי געוויס אויסשיסן אין אַ שפּאָ־טישן געלעכטער און איינער וועט שרייען צום אַנדערן: „זע נאָר ווער עס וויל דאָ ווערן אַן ארבעטאָרין!״ . . .

יע, ראזיטא האָט דאָס געוואוסט און געפילט, אַז אזוי וועט דאָס זיין. דאָך איז זי אריינגעגאַנגען אין דער געביידע און אריינגעשטעלט זיך אינם הויב־מאַשין, וואָס האָט איר ארויפגעפירט אויפן זעקסטן עטאַזש. דאָ האָט זי חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. נאָר דער מאַשין אָנטרייבער האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידל ווייס ניט וואוהין צו גיין, האָט ער, ווי אַ דזשענטלמאַן, געעפנט פאַר איר די טיר פון פאבריק:

— אָט דאָ איז דאָס, מיס . . .

אין קאָפּ, אין די אויערן און אין איר קליין פנימל האָט אַ שלאָג געטאָן דער גערויש פון מאָטאָרן, דאָס טראַסקען און זינגען פון פרעס און ניי מאַשינען. איבערהויפּט האָט דאָ געהילכט דאָס זידן און שיפען פון פארע. לענג אויס איין וואַנט איז געלאָפן אַ לאַנגער טיש מיט שטויסן געוואנט אויף אים. צוויי מע־נער, איינער מיט אַ לאַנגן עלעקטרישן חלף און דער צווייטער, מיט אַ רונדן עלעקטרישן מעסער, זיינען ארומגעגאנגען הין און צוריק און מיט געניטקייט אין די פינגער — געפּאַלמעסט דעם געוואנט לויט אָנגעצייכנטע ווירעס פון פריער.

אַ צעשראָקענע האָט זיך ראזיטא אַרומגעקוקט און געזען: ביי צוויי לאַנגע רייען ניי מאַשינען — זיינען מיט געבויגענע פלייצעס געזעסן מענער מיט פרויען און געשטעפּט אַ נאָט נאָך אַ נאָט און אלע וויילע ארויסגעוואָרפן פאַרטיקע בגדים. נעבן פינף „ביגל־באַקסעס״ און דריי פרעס־מאשינען, האָבן אַכט פאַרשוויצטע, אָבער געזונטע מענער, אין בלויזע אונטער־העמדער — גע־פרעסט, גיך געיאָגט די הייסע פרעס־אייזנס איבער די אויסגעלייגטע מאַנטלען. אביסל אן אַ זייט האָבן עטלעכע מיידלעך געאַרבעט ארום וואקסענע מאניע־קענען, אָנגעטאָן אויף זיי פאַרטיקע קליידער; פון די נעט ארויסגעצופּט די אַרויסשטאַרצנדיקע שטיקלעך באוול. דערנאָך, מיט שטרויענע האנט בעזימ־לעך — אָפּגערייניגט. צום סוף די מאנטלען אָנגעטאָן אויף הילצערנע הענגערס און אויפגעהאנגען אויף לאַנגע שטאנגען.

פונם גערויש און געפילדער האָט ראזיטאַן אָנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן. די אויערן זיינען ווי פארטויבט געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער טרוכלעוואטער פלייצקע צום שאַפּ, געוואָלט אָננעמען דאָס הענטל פון טיר און אַרויסלויפן צוריק אין קאָרידאָר. ערשט אַ מענטש מיט אַ צעראַטענעם ארשין ארום האַלז און אומרו אין די גרויע, אָנגעכמורעטע אויגן — איז צוגע־גאַנגען צו איר:

— וואָס ווילסטו, מיס?

ער איז געווען אַ הויכער, האָט ראַזיטאַ ניט געזען זיין פּנים. בלויז באַ־מערקט די צוויי עקן פונם אַרשין, וואָס זיינען אַרונטערגעהאַנגען, ווי צוויי לייצעס ביי אַ פויער פון נאַקן, ביי אָפּשטעלן די פערד, וואָס האָבן געשלעפּט אַן אַקער אייזן איבער אַ צעכוואַלעטן פעלד, און — ראַזיטאַ האָט אויפגעציטערט. פון צווישן אירע שיטערע ציין האָט זיך אומגערן אַרויסגעגנבעט אַן איין און איינציק וואָרט און גראַדע איז דאָס וואָרט אַרויסגעקומען גלאַט און גאַנץ:

— אַרבעט . . .

דער פאַרמאַן (אויפזעער) איז שטיין געבליבן ווי אַ געפּלעווטער. אים איז שוין אויסגעקומען צו זען פאַרשיידענע אַרבעטער. אָבער, אַז אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איז געווען „די גרויס ווי אַן אַרבעט" זאָל קומען בעטן אַרבעט? — אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכנט. מיטאַמאָל האָט זיך אים פאַרוואָלט לאַכן, אַזוי הויך לאַכן, אַז דער גאַנצער שאָפּ זאָל צעטרייסלט ווערן. נאָר ער האָט זיך תיכף געכאַפּט, אַז עס איז מלחמה־צייט, דער סיזאָן האָט געברענט און קיין צופיל „הענט" זיינען ניט געווען, האָט דער פאַרמאַן כלומרשט אַנגענומען אַן ערנסטע מינע אויפן פּנים און געפרעגט:

— וואָס קאָנסטו טאָן, מיס?

— כ'ווייס ניט.

— האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט אין אַ שאַפּ.

— ניין.

אַ ווײַלע האָט דער אויפזעער געטראַכט, געקישובט זיך וואָס צו טאָן מיט איר. דערנאָך האָט ער אַ הויב געגעבן מיט די פּלייצעס און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום די וואַקסענע פיגורן:

— גיי אַהין. וועסט זיין אַ פלאָר־גוירל. די מיידלעך וועלן דיר שוין ווייזן וואָס צו טאָן.

די ערשטע פּאָר וואָכן זיינען געפאַלן זייער שווער אויף ראַזיטאַס קליינע און ביינערדיקע פּלייצקעס. דערצו נאָך האָבן די אַרבעטער ניט אָפּגעלאָזט זי פון די אויגן. כמעט אַלע האָבן פון איר אָפּגעלאַכט. געלאַכט האָט מען פון איר אויסזען, פון איר גיין און שטיין. אין זייער אָפּלאַכעריי האָבן זיי צו־געטראַכט פאַרשיידענע צונעמענישן אויף איר חשבון און איינער האָט אפילו איינמאָל איר אונטערגעשטעלט אַ „קאַזשלקע" פון וועלכער ראַזיטאַ האָט זיך אויסגעצויגן אויפן צעמענטענעם דיל.

דאָס מיידל האָט דאָס אַלץ אַרונטערגעשלונגען מיט אַ מאַדנעם, פאַרביסע־נעם שווייגן און, געדוכט האָט זיך, אַז דער דאָזיקער שווייגן איז פון אַ מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אָדער — ווי פון אַ קראַנקער, וואָס וויל דורכן שווייגן אָנקלייבן וואָס מער ענערגיע כדי צו באַזיגן אַ לאַנגע און פאַרצויגענע קרענק . . .

אייגנטלעך וואָלט ראַזיטאַ שוין פון לאַנג אַנטלאָפן פונדאַנען. נאָר פון דעם טאָג אָן, וואָס זי האָט אַהיים געבראַכט דעם ערשטן, מאָגערן קאָנווערטל מיט געהאַלט, צוליב וועלכן טאַטע־מאַמע און אפילו די שוועסטער זיינען ווייכער געוואָרן און אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט גאָר אַנדערע בליקן — האָט זיך

אין ראזיטאס הערצל איינגעקוואַרטירט אַ מאָנענדיקער באַגער: אַרבעטן ניט נאָר אַכט שעה אַ טאָג, אפילו ניין און צען. פאַרדינען וואָס מער געלט. אויסקליידן זיך ווי געעריק און ווייזן דער וועלט, אַז ראזיטא איז גאָרניט אזא שלימזל ווי מען האָט דאָס אין איר אריינגעקלאפּט, אַריינגעשריען און איינגערעדט.

איין וואָך האָט געיאָגט אַ צווייטע. ראזיטא האָט גיך איבערגענומען די מלאכה און געפלייסט זיך צו געפעלן ווערן ביים אויפזעער אין די אויגן. אַ רירעוודיקע און אַ גרינגע אויף די דינע, קורצע פיסלעך — איז זי פון איינדערפרי אָן ביז אין די אָוונטן אַרומגעלאָפן איבערן שאַפּ ווי אַ ווינטל. אומבאַמערקט איז זי ווי אויסגעוואקסן נעבן די „אפּרייטארס", ביי די „פינישערס" און איבערהויפּט — ביי די פּרעסער וועמען זי פלעגט אָפּט ברענגען מלבושים צום פאַרריכטן.

ביסלעכווייז האָט דאָס אָפּלאַכן אויפגעהערט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געקומען דערפון, וואָס דורך דער צייט האָט מען זיך צוגעוואוינט צו איר, און, ס׳קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז די נייע דערשיינונג האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. טאַקע דערפאַר, וואָס איר אויפגאבע איז געווען צו געפינען חסרונות אין אַ מאַנטל, צי אין א רעקל און געבן דאָס איבערצוארבעטן, איז גאָר גיך דערגאנגען צו דעם, אז אנשטאט אָפּצולאַכן — האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן חנפענען זיך צו איר! . . .

אין אָנהויב האָט ראזיטא געמיינט, אַז ביי די ארבעטער איז דאָס ניט מער ווי אַ שפּיצל אזא, אז דאָס האָבן זיי אויסגעטראַכט כדי אַזוי אַרום — נאָכמער אָפּצולאכן פון איר. אָבער באַלד האָט זי זיך דערוואוסט, אַז סיי די „אָפּרייטערס" מיט די „פינישערס" און סיי די פּרעסער — האָבן געארבעט פון שטיק, האָט זי שוין פארשטאנען זייער חניפה און אָנגענומען דאָס פאַר „גוט־געלט".

פון דעם באַגריף, אַז סוף־כל־סוף דאַרפן די ארבעטער אָנקומען צו איר, איז ראזיטא געוואָרן ביי זיך שטייפער, טראָציקער און חוצפּהדיקער. איצט איז זי שוין ניט געווען די זעלבע צעקראָכענע און הכנעהדיק באשעפעניש וואָס פריער. אין די אויגעלעך האָט זיך אַ ניי פייערל באַוויזן, אַ פייערל וואָס האָט געוואָרפן אַרום זיך פאַסמעס ביטרעקייט און שלאנג׳עוודישקייט, און ניט זעלטן האָט געטראָפן, אַז זי האָט שאַרף אויסגערעדט אַ „פינישער" אלעמיי יענע האָט ניט גוט אריינגענייט אַ קנעפּל, אָדער ניט ריכטיק אַריינגעלייגט אַ „קישעלע" אין אַן אַקסל פון אַ מאַנטל.

געוויינטלעך האָט זי זיך געבייזערט אויף אַן ארבעטער בלויז דעמאָלט ווען דער אויפזעער איז געווען דערביי. אין אַזאַ פאַל איז איר צונג אין מויל אווקגעשוואומען אין פליסיקע רייד, ווי א פלאטקע אין א פליטקן, מוטנעם וואַסערל, און צוגעשפּילט האָט נאָך דאָס, וואָס דער באַלעבאָס גופא איז איינמאָל צוגעקומען צו איר און געפרעגט צי זי האָט האלט צו ארבעטן דאָ. איז שוין ראזיטא פון דעם אליין וויכטיקער געוואָרן ביי זיך פון אלעמען אין שאַפּ, און דאָס מיידל האָט ניט געקאנט פאַרשטיין, ווארום זי האָט ביז איצט אַראָפּגעשלונגען אַזויפיל באַליידיקונגען פון אייגענע און פון פרעמדע . . .

פאַמעלעך האָט ראזיטא איינגענומען כמעט אַלע אַרבעטער אין פאבריק.

בלויז מיט איין מענטשן האָט זי ניט געקענט אויסקומען ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָס איז געווען מיסטער קויפמאַן, דער הויפּט־פּרעסער, אַ הויכער, גע־זונטער יונג, אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, וואָס האָט זיך געהאַלטן גרויס מיט זיינע פעטע פאַרדינסטן, און, כאָטש ער איז געווען אַ פּראָסטער, ניט גע־קאָנט לייענען אָדער שרייבן, זיינען אים אָבער, אַלע מיידלעך פון פאַבריק נאָכגעגאַנגען די טריט, ווי אייטערדיקע בהמות אַ שיינעם בוהיי.

עס איז מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס אַנטקעגן אים — איז ראַזיטאַ גע־ווען אַ פּיצל און געוואָלט, אַז טאַקע דערפאַר זאָל איר אַ הויכער שיינער מאַן שענקען כאָטש אַ פינגערהוד מיט אויפמערקזאַמקייט. און ס'קאָן אָבער אויך זיין, אַז דאָס איז ניט געווען די סיבה פון דעם. נאָר אַלץ איינס: פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט אים ראַזיטאַ פיינט באַקומען. פון אויבן אויף, האָט זיך די פיינט־שאַפט גענומען דערפון, וואָס ביים צוטראָגן אים אַ מאַנטל צום פאַרריכטן, האָט ער זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איר. און דאָס האָט איר נאָכמער ווי געטאָן און באַליידיקט ווי אַלע ביז איצטיקע פאַרדרוסן. נאָר אין עצם האָט די פיינטשאַפט געשלאָגן טיפערע, פאַרבאַהאַלטענע וואָרצלען.

עס איז טאַקע אמת, אַז אַ חוץ זיין גבורהדיקן שטעל איז קויפמאַן געווען אַ גוטער בעל מלאכה, וואָס האָט אַרום אַכט יאָר געאַרבעט דאָ אין פאַבריק און פאַרדינט אַ סך געלט. פון אים, פון אָט דעם שטאָלצן מאַן, האָט דאָס ראַ־זיטאַ געוואָלט באַמערקט ווערן און אַ רעכענונג האָט זי דערביי געהאַט, אַז קוים וועט קויפמאַן אַ קוק געבן אויף איר, צי כאָטש זאָגן איין גוט וואָרט — וועט דאָס זיין דער בעסטער סימן, אַז זי איז שוין אָן אַרבעטאָרין, אַ מענטש הייסט עס, מיט אַלע מיידלעך צו גלייך.

אָבער קויפמאַן איז געשטאַנען ביים פּרעס־מאַשין, אויסגעדרייט מיט דער ברייטער פּלייצע צו איר, ווי ניט אים מיינט מען. פון דעם איז ראַזיטאַ אין כעס געווען און מיט אַ כיוון אָנגעהויבן אויסזוכן וואָס מער צעקנייטשטע בגדים, געבראַכט דאָס צו אים און מיט גאַליקייט אין איר דינעם, גרילצנדיקן קולכל כמעט ארויסגעפייפט: — פּ־פּיקס פּ־פּליז! (ביטע פאַרריכט).

ווען קויפמאַן האָט דערזען, אַז זי האַלט אין איין צוריקברענגען פּאַרטיקע מלבושים צום איבערפּרעסן און פּטר'ט אים אַוועק אַ סך צייט, האָט ער ענד־לעך, פון אַ זייט, אַ קוקלע געגעבן אויף איר און מיט געמאַכטער איבערראַשונג — אַ פּאַטש געטאָן זיך אַ האַנט אין אַ האַנט:

— זע נאָר! דו ביסט דאָך זייער אַ שייניקע! . . . איז זאָג מיר, קראַסאַ־וויצע מיינע: א חתן האָסטו שוין? . . .

זי האָט גראָדע קיין חתן ניט געהאַט און פון דעם, וואו זי האָט געזען, ווי די מעקסיקאַנער מענער באַנעמען זיך און באַהאַנדלען זייערע פרויען — האָט זיי ראַזיטאַ אפילו פאַראַכטעט. נאָר איצט האָט זי דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן און מעגלעך, אַז זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן דעם אמת און דער־פאַר געענטפערט:

— יע . . .

— באַלד אַזוי — האָט ער ווייטער געצויגן דאָס ניט ריינע שטריקל —

טאָ זאָג מיר, דו שיינקייט מיינע, וואָס טוט ער דיך, דער חתן דיינער? נעמט ער דיר אָן די . . . קושט ער דיר, כאָטש? . . .

ראזיטא האָט זיך פאַררויטלט. דאָס איז געווען די ערשטע, רויטע פאַרב, וואָס אַ מאַן האָט ווען עס איז אַרויסגערופן ביי איר אויפן קליינעם, מאַטאָוון פנימל. אַ ווײלע האָט זי נאַאיוו און נאַריש געקוקט אויף אים, געפינטלט מיט די שמאָלינקע אויגעלעך. נאָכדעם צוגענומען דעם פאַרריכטן מאַנטל, מיט אירע גיכע טריטעלעך אַוועקגעלאָפן און מער שוין ניט געוואָלט אומקערן זיך צוריק.

אָבער אַן ארבעטער איז דאָך ניט שטענדיק ביי זיך אין די הענט, און ראזיטא האָט געדארפט אכטונג געבן, אַז יעדער בגד וואָס איז אַרויס ביי די פרעסער פון דער ארבעט — זאָל זיין פערפעקט. האָט זי טאַקע באַלד ווידער צוגעבראַכט אַ מאַנטל און קויפמאַן האָט נאָכאמאָל אָנגעהויבן זיינע אָפלאַכנדיקע שטיק:

— ביסט שוין ווידער דאָ? זאָג מיר נאָר, שיינער מלאך מיינער! דו ביסט שוין געשלאָפן מיט דיין חתן? . . .

אין אירע אויגעלעך האָבן זיך טרערן געשטעלט. דאָס אונטערשטע ליפּ, צוזאַמען מיט דער שפיציקער מארדעטשקע — האָבן אַ צוק געגעבן. דאָס האָט געדויערט ניט מער ווי אַ רגע. באַלד איז פון די טרערן קיין זכר ניט געבליבן. אויף זייער אָרט האָבן זיך צוויי פייערלעך אָנגעצונדן, פייערלעך פון שנאה און האַס. אנשטאַט צו ענטפערן אים — האָט זיך פלוצים אַ חוזקדיקער שמייכעלע אויסגעלייגט ארום אירע מויל-ווינקלען. דאָס שמייכעלע: אַ דינס און אַן אויסגעקריצטער, ווי מיט אַ שאַרף מעסערל — איז שוין מער ניט אַראָפּ פון אירע ליפּן. און, אלעמאָל, ווען ראזיטאַן איז אויסגעקומען צו זיין נעבן קויפמאַנען, האָט דער דאָזיקער ביטערער שמייכעלע אריינגעלאָכט אים אין פנים אַריין.

אין די נעכט איז ראזיטא אַ סך מאָל געזעסן ביי זיך אינדערהיים אַ פאַרקלערטע, אַ פאַרדאגהטע און אלץ ניט געקאַנט דערטראַכטן זיך ווי צו צאַמען דעם ניט געהובלטן קויפמאַנען. ווי די מערסטע מעקסיקאַנער מיידלעך, וואָס זיינען געבוירן אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, איז אויך ראזיטא ניט געווען קיין צו גרויסע טראַכטערקע, און מיט איר „ווייבערישן כח", מ'שטיינס געזאָגט, וואָלט זי דאָך אים ניט געקאַנט „איינגעמען". איז זי סוף־כל־סוף געקומען צום אַלטן אויספיר, אַז דער בעסטער מיטל איז — צו דערגיין אים די יאָרן!

אויף דעם האָט זי געהאַט אַ פאַרטיקן פאַטענט, וואָס זי האָט נאָך געירשנט פון איר עלטער־עלטער באָבען. אויף דעם דאָזיקן געביט איז דאָס קליינע באַשעפעניש געווען גאָר אַ גרויסער בריה און ביי קיינעם ניט געדאַרפט לערנען זיך די מלאכה . . .

אין איינעם אַ טאָג איז זי געקומען צו דער ארבעט מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן און אַזוי גיך ווי די ניי און פרעס מאשינען האָבן זיך צעטראַסקעט, צעזשיפּעט און צעזונגען, האָט ראזיטא מיט פלייס אין די הענטלעך — אָנגעהויבן איבערקוקן די אויסגעפרעסטע מאַנטלען. זיי געדרייט אין אַלע זייטן, און קוים באַ־

מערקט אַ גלאַנצעלע, אַ קנייטשעלע, האָט זי דעם בגד באלד צוגעטראָגן צו קויפמאַנען און מיט צוגעגרייטע דריי ווערטער אַרויסגעפייפט פון צווישן אירע שיטערע ציין.

— דאָס ניט געפּ־פּרעס־סט!

די דריי ווערטער האָבן קויפמאַנען אַ גרילץ געטאָן אין די אויערן: וואָס הייסט עפּעס ניט געפּרעסט? שוין אַרום אכצן יאָר ווי ער איז אַ פּרעסער און, אין פאַך, פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גוטע בעל־מלאכות, איז אים זאָל גאָר אַזאַ פאַרזעעניש וואַגן צו זאָגן, אַז זיין ארבעט טויג ניט? אפשר — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאנק — האָט איר דער פארמאַן, אָדער דער באַלעבאָס אונ־טערגעשטעלט, אַז זי זאָל אזוי ריידן צו אים? . . .

פון דעם געדאנק איז ער נערוועז געוואָרן. אַ כאַפּ געטאָן דעם צוגעבראַכטן מאַנטל, אים אויסגעשפּרייט אויפן לײדיקן „ביגל־באַנק” און גלייך געוואָלט אַ געשריי געבן: „מאַלפּע! אַ בראַנד דיר אין דער גראָבער קישקע!” אָבער ווען ער האָט באַמערקט, אַז איינער פון די נעט איז טאַקע געווען ניט גלייך אויס־געפּרעסט, איז ער ווייכער געוואָרן און גאָרניט געזאָגט.

נאָר איידער ער האָט צייט געהאַט אויסצוגלייכן דעם קרומען נאָט, איז שוין ראזיטא ווידער געקומען און דאָס מאָל — אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש צוויי מאַנטלען מיט צוגעשפּיליעטע צעטעלעך אויף די לאַצן, און צו וויסן געגעבן, אַז דאָ וואו די שטיקלעך פּאַפּיר געפינען זיך — זיינען פאַראַן חסרונות:

— דאָס־ס ניט געפּ־פּרעס־סט!

דאָס האָט שוין קויפמאַן מער ניט געקענט פאַרטראָגן. מער ניט געקענט צאַמען אין זיך דעם כעס. רויט ווערנדיק ווי אַ בורעק, האָט ער די פּאָר מאַנט־לען אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און מיט צאָרן אין קול אָנגעהויבן שרייען:

— מאַלפּע, פּלאַצן זאָלסטו ווי אַן אָנגעלאָזענער פּענכער! מער זאָלסטו אהער קיין ארבעט ניט צוריקברענגען, דו הערסט!

אויף זיין געשריי איז דער אויפזעער געקומען צו לויפן. אויך דער באַלע־באָס איז דאָ אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, און אַ פאַרחידושטער געפּרעגט דעם אויפגערעגטן הויפּט פּרעסער:

— וואָס איז דאָ געשען, מיסטער קויפמאַן? וואָס שרייט איר אַזוי?

— וואָס איך שריי? — האָט קויפמאַן גלייך אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן קוראַזש און דער כעס זיינער האָט זיך אָנגעהויבן אויסגיסן — איך נעם איינ־גאַנצן פינף און ניינציק סענט פאַר אַ מאַנטל, וואָס האָט די ווערט — אַ דאָלער מיט אַ פערטל און די מאַלפּע האַלט אין איין צוריקברענגען פאַרטיקע ארבעט! וואָס מיינט איר, אַז איך וועל דאָ שטיין און אַרבעטן אומזיסט? . . .

— וואָס הייסט עפּעס „זי ברענגט אייך ארבעט צוריק?” — האָט דער באַ־לעבאָס ניט געלאָזט, אַז דער אויפזעער זאָל זיך איצט אַריינמישן אין דעם ענין

— ווייזט מיר נאָר די מאַנטלען, וואָס דאָס מיידל האָט אייך געבראַכט!

דער אויפזעער האָט אויפגעהויבן די בגדים, אַוועקגעלייגט אויפן פּרעסער־טיש. דער באַלעבאָס האָט זיי איבערגעקוקט און זיין הויכע, דאַרע האַלז, מיטן טרעפּלדיקן קנאָפּ, וואָס איז ווי אַ פייג אַרומגעלאָפן איבערן גאָרגל הין און

צוריק — איז נאָך לענגער און מאָגערער געוואָרן. ביי די זייטן האָבן זיך באַוויזן צוויי בלויע, אָנגעצויגענע אָדערן:

— פאַר דער „גוטער" אַרבעט צאָל איך דאָס אייך פינף און נײַנציק סענט? אָט דאָס הייסט ביי אייך געפרעסט? און אַ ניקל (פינף סענט) האָט דאָס די ווערט? קוקט זיך איין: די קאָלנערס זיינען אויסגעדרייט און די פראַנטן זיינען אַזוי קרום, ווי אַ שיכורער וואָלט — — —!

ביי קויפמאַנען האָבן די בלוטן אַ לויף געגעבן פון קאָפ ביז צו די שפיצן פינגער פון די פיס. ער האָט געוואָלט דעם באַלעבאָס פלעטן דעם קאָפ. אָדער, לכל הפחות צונעמען די געצייג און אַוועק פון דאַנען. נאָר אין דער לעצטער רגע האָט ער זיך דערמאַנט, אַז די אַרבעט איז דאָ ניט קיין צו שווערע און פאַרדינט ארום צוויי הונדערט דאלער אַ וואָך, האָט ער איצט פאַרבויגט דעם כעס און צוריקגעשטעלט זיך אַרבעטן.

דערפאַר אָבער, האָט זיך ראַזיטאַ ניט צופרידן געשטעלט בלויז מיט דעם, וואָס דער באַלעבאָס האָט אָנגעשריען אויף קויפמאַנען. און, אַ נייער, פאַרביסענער געפיל האָט זיך אויפגעוועקט אין איר. אַ געפיל פון נקמה נעמען, און גראַדע ניט פאַר היינט און פאַר נעכטן, נאָר פאַר אַלע צרות און באַליידיקונגען וואָס זי איז אויסגעשטאַנען ביז איצט. אין איר צעווילדעוועטער פאַנטאַזיע, האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט אים אָנטאָן אַזויפיל להכעיס, אַז קויפמאַנען זאָל זיין אוממעגלעך צו שטיין דאָ און אַרבעטן רואיקערהייד.

אין עצם איז זי ניט געווען אַזאַ רשעת און ניט געוואָלט, אַז קויפמאַן זאָל זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן די פאַבריק. ווײַלע אין דער אמתן האָט איר פּאָרט עפּעס געצויגן צו דעם שיינעם און געזונטן מאַן, וואָס איז דאָ געווען דער שטאָלץ פון אַלע אַרבעטער. זי האָט בלויז געוואָלט, אַז ער זאָל ניט קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפ, ניט וויצלען זיך מיט אזעלכע עקלדיקע וויצן אויף איר קאַנטע און ריידן צו איר, ווי צו די אַנדערע מיידלעך. דעמאָלט, וואָלט זי אפילו זיין ערגסטע אַרבעט פאַרזען און ניט געבראַכט אויף צוריק.

ער איז אָבער געווען איינגעשפאַרט ווי אַן אייזל און קיין אָנצוהערעניש וועגן דעם ניט געגעבן. איז די שנאה צווישן זיי נאָך שאַרפער און אָנגעצויגענער געוואָרן ווי פריער. אין איר היהשער פאַרביסנקייט האָט ראַזיטאַ אויסגעזוכט וואו נאָר אַ חסרון אויף אַ בגד, און טאָמער זיינען קיין קנייטשן נישט געווען, האָט זי בגנבה אַליין צעקנייטשט אַ מאַנטל צי אַ רעקל, צעדרייט די קאָלנערס, מיט די שאַרפע נעגל צעקראַצט אַ לאַץ, אַבי קויפמאַן זאָל האָבן פון וואָס צו ערגערן זיך.

דורך דעם כסדרדיקן ברענגען מאַנטלען צום פאַרריכטן, האָט קויפמאַן ביסלעכווייז אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין זיך, אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלכה. אַ סימן, זי האַלט דאָך אין איין צוריקברענגען ארבעט און ניט אומזיסט: יעדער בגד האָט געהאַט אויף זיך אַ פגימה — אַ קנייטש, אַ גלאַנץ, צעדרייטע קאָלנערס און ניט קיין צו גוט אויסגערונדיקטע ארעם־לעכער (אַקסלען).

דאָס האָט אים אַזוי צעטרייסלט, אַז איצט איז ער געשטאַנען ביים פרעסמאַשין מיט מורא אין הארצן: טאָמער וועט דער מאַנטל ניט טויגן? . . . ער

איז געוואָרן זייער פאָרזיכטיק. געפּרעסט און צען מאָל איבערגעקוקט יעדן בגד באַזונדער, איידער ער האָט אים אראָפּגענומען פון מאַשין. אָבער, וואָס מער ער האָט זיך געהיט, אַלץ מער פעלערן זיינען אַרויסגעקומען. די אַרבעט איז אים ממש פון די הענט געפאַלן. און דערצו נאָך האָבן זיינע אָנגעשפּיצטע אויערן כסדר אויפגעכאַפּט דאָס שאַרן זיך פון ראַזיטאַס פּיסלעך איבערן דיל: אָט גייט זי! אָט קומט זי און ברענגט שוין ווידער אַרבעט צום איבעראַרבעטן!....

יעדעס מאָל, וואָס ראַזיטאַ האָט זיך פאַרבייגעשלייכט און אפילו אומזיסט, האָט זי אַזוי אויסגעמאַנעווּרירט, אַז זייערע שפּיזלדיקע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און די שטומע מלחמה האָט אַ פלאַקער געטאָן אין דער לופטן. און קויפמאַן האָט דערפילט, אַז ניט נאָר אירע שטעכיקע קוקערס האָבן געשניטן דאָס האַרץ, נאָר איר פאַסקודנער שמייכעלע האָט געביסן און געבריט דאָס לייב ווי בייסנדיקע קראָפּעווע.

אין אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט איז געלאָפן אַ חודש נאָך אַ חודש און אַוועקגיין פונדאַנען האָט קויפמאַן ניט געוואָלט. און איינמאָל, אין אַן אינדערפרי, ווען ער איז געקומען אין פאַבריק צו דער אַרבעט און געזען, ווי ראַזיטאַ האָט געוואָלט אָפּשטעמפּלען איר אַרבעטס־קאַרטל אינם הויכן מאַשין־זייגער אויפן וואַנט, און צוליב איר קורץ פּיסלדיקייט ניט געקאָנט דערלאַנגען דעם זייגער אָפּשפּרונג — האָט ער גענומען דאָס קאַרטל פון אירע הענטלעך, אָפּגעשטעמפּלט די צייט און אָנגעהויבן ריידן צו איר מיט ערנסטקייט, ווי צו זיינס אַ גלייכן:

— דו הערסט, ראַזיטאַ? היינט וועט זיין אַ הייסער טאָג. אין אַזעלכע היצן איז ניט גוט צו אַרבעטן ביי אַ פּרעס־מאַשין. די פּאַרע קריכט אין האַלז, אין די אויגן. גלויב מיר, מיין פריינט, אַז עס קומט אָן מיט בלוט ביז מען פּרעסט אויס אַ מאַנטל. יע, עס איז שווער, זייער שווער צו זיין אַ פּרעסער היינטיקע צייטן . . .

אַ פאַרוואונדערטע איז ראַזיטאַ נאָך געשטאַנען נעבן אים און די אייגענע אויערן ניט געגלויבט. און כאָטש עס האָט איר אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם הויכן און געזונטן מאַנספּאַרשוין און דערפילט האָט זי, אַז עפּעס האָט זיך אויפגעלייזט אַ פאַרהאַרטעוועטער קניפּ אין האַרצן און זי האָט געוואָלט אַרויספאַלן צו אים אויפן ברוסט און בעטן פאַרגעבונג פאַר אַלע צרות, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט — דאָך האָט די אַלטע שנאה ניט דערלאָזט דערצו. איז זי נאָך אַ רגע געשטאַנען, געקוקט אים גלייך אין די אויגן, געזוכט אַ סיבה פאַר די רעספּעקטאַבעלע רייד און ניט געפונען.

ערשט אַרום האַלבן טאָג, ווען קויפמאַן האָט איר צוגערופן צום פּרעסמאַשין און אין דער שטיל געפרעגט צי עס געפעלט איר דער ערשט אויסגעפּרעסטער מאַנטל, ערשט איצט האָט ראַזיטאַ איינגעזען, בעסער געזאָגט, זי האָט דערפילט, אַז ער איז ערנסט, אַז ער רעכנט זיך שוין מיט איר, ווי מיט אַלע אַנדערע מיידלעך אין פאַבריק. פון זיין וואַרעמען אָטעם, פון זיינע ווייכע רייד און פון דעם באַגריף, אַז זי איז געוואָרן אַ מענטש, אַ פולשטענדיקע אַרבעטאָרין, האָבן זיך ביי איר אין די אויגעלעך טרערן געשטעלט. און ענטפערנדיק אים, אַז דער בגד געפעלט איר! איז זי מיט אַ געזאַנג פון נצחון אין האַרצן אוועקגעגאַנגען אַ שמייכלענדיקע, אַ צופרידענע און אַ יום־טובדיקע . . .

# קאַליפאָרניער מאָטיוון

ברכה קודלי

דיין האַרץ, קאַליפאָרניע, גליט יונג און וואַך
מיט ברויז פון קליינע קינדער,
וואָס טוען אַ צעשאָט אינדערפרי זייער פרייד
קלינגענדיק — פון לאַכן און פון שטיפן —
אויף צעבליטער קווייט.

פאַרטונקען אין גערטנער
קושט די ערד זייערע דריבנע טריט
מיט בליטן וואָס פאַלן פון בוים אין ראָזן געשריפט.
ווי זערנעס אין אַ זאַנג
צייטיקט דער קוש אין זיי אַ לעבן לאַנג.

דיין קלינגענדיקע וואָר
מישט זיך מיט מאַגישן געשוויג,
ווען אין דיינע וואַסערן שווימען אַרום
שטאָלצע, שלאַנקע שוואַנען,
וואָס האַלדזן אַרום די ברעגן פון טייך
מיט זייער ווייסער גראַציע;
זיי מאַניעט
דער אויפגעוואַכטער אַראָמאַט פון מאַגנאָליא געצווייג.

ערב פרילינג
קומען צו דיינע פאַלמען ווינטן פאַרבענקטע,
ציען אַרום דעם אַראָמאַט פון עווערגרין בלעטער;
שפּעטער
טראָגן זיי אַוועק פון מערב צו מזרח
א דופט פון שטילקייט און רו
פאַרוויקלט אין אַ וואַרעמען געדענקען.

צו דיינע בערג —
אויף סטעזשקעס זון פאַרברווינטע
קומען פאַרטרוימטע לייט
אָפּצורוען זייער מידע האַרץ,
זוכן אַ סובטילע ליד,
אַ פאַרשלייערטן פורפל אין די שאָטנס
און אין דער זון אַ פאַר׳כישוף׳טע מחשבה.

דיינע וואַסער־קוואַלן, קאַליפאָרניע,
שלעפן אַראָפּ פון די בערג שאלן פון שניי,
פלעכטן אויס פון זיי זילבערנע צעפּ,
וואָס לויפן אַרונטער מיט אַ דינעם־דינעם שפּריי
און זינגען צום טאָל אַרויס
דעם זיסן ברוין פון בערג
און די דורכטעניש פון זייערע קעפּ.

סיי זומער, סיי ווינטער
שיכורן די בינען מיט אַפּעלסינען־צוויט
און דער דיכטער שרייבט פון לידער אַ ליד —
די ליבשאַפט און די זיסשאַפט און דעם ווערט
פון קאַליפאָרניע —

פון אויסגעוואָרעמטן געמיט
שיידט זיך אָפּ אַ גלימער,
וואָס טוט אַ ריזל צום טאַקט פון בינען־זשום
און פאַרוועבט —
אפשר נאָר דעם שימער
פון אַן עכאָ פון קאַליפאָרניער ערטער.

# פּיעסטא

## פּינטשע בערמאַן

הוליע, הוליע, הוליע, הוליע!
הויב דיין קאָפּ אין הויך און — הוליע!
עפן האַרץ און אויג און — הוליע!
צו דער גאַנצער וועלט זיך טוליע —
הוליע, הוליע, הוליע, הוליע.

ניט קיין טראַכטן, ניט קיין זאָרגן,
ניט קיין נעכטן, ניט קיין מאָרגן . . .
ניט געוועזן און ניט עס וועט זיין . . .
ניט געשען און ס׳דאַרף פאַרגלעט זיין . . .
אַלץ איז היינט, און אַלץ איז איצטער,
איצטער, איצטער אויסגעבליצטער,
אויסגעבליצטער, אויסגעקריצטער
מיט דיין הייסן בלוט און אָטעם
אויף אַ פייערדיקן טאַטעם . . .
הוליע, הוליע, הוליע, הוליע!

טאַנצן מיידלעך דיר אַנטקעגן:
פריש, ווי גראָזן נאָך אַ רעגן,
ווי די פּאַלמען, שלאַנק און בויגיק,
פּיס — גאַזעלן, פּעך־שוואַרץ־אויגיק,
און די בליקן — זשאַר און צונטער,
און געלעכטער — הילכיק, מונטער —
אין אַ פּויק מיט פּוס אין באָדן,
און אין דעם רינג פון קאַראַהאָדן,
מיט דיין בלוט, וואָס צינדט זיך העלער,
טו אַ דריי זיך גיכער, שנעלער,
און צו דעם טאַקט פון טאַמבורינען,
אָן אַ מיין און אָן אַ זינען,
דריי זיך שנעלער, דריי זיך גיכער,
ווי אַ שטורעם, ווי אַ וויכער,
ווי דער ווינט דאָרט אין דער וויסטע,
וואו די זאַמדן, זון־צעהיצטע,
טוט אַ הויב זיי און ער דרייט זיך,
און ער דרייט זיך, און ער פּרייט זיך,
און ער רייסט זיך צו דעם הימל
מיט אַ פייף און מיט אַ טומל . . .
הוליע, הוליע, הוליע!

אַלץ איז שיין היינט — אַלץ איז פּרעכטיק;
אַלץ איז שטאַרק היינט — אַלץ איז מעכטיק;
אַלץ איז גוט היינט — אַלץ איז ליבע,
און קיין האַרץ איז ניט קיין טריבע . . . —
איז אַ דריק דער וועלט צום ברוסט צו!
און לאָז פריי גיין אַלע לוסטן,
אַלע לוסטן, אַלע גלוסטין . . .
אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען
זיי פאַרוואַנדל אין געזאַנגען —
הוליע, הוליע, הוליע!

אָ, געבענטשט זאָל זיין די שטונדע,
דער מאָמענט, כאָטש די סעקונדע,
ווען דו קענסט אין אַלץ פאַרגעסן
און דו חלומ׳סט — אַ פיעסטאַ:
ס׳איז די גאַנצע וועלט איין יום־טוב,
ס׳איז די גאַנצע ערד איין שמחה,
ס׳איז אַ טאַנץ דאָס גאַנצע לעבן —
הוליע, הוליע, הוליע!

# זיין תיקון

— דערציילונג —

**י. פרידלאַנד**

דעם אַלטן נתנ'ען דעם שמש פון דעם קליינעם רומענישן בית־המדרש אין אַלט־צפת, האָב איך ביי מיין אריינקומען אין דער האַלב־אָפענער טיר פון „שטיבל", געטראָפן שטיין אויף אַ הויך שטול און פּליסיק געפּוצט דעם גרויסן מעשענעם הענג־לייכטער, וואָס איז אראָפּגעהאַנגען אין דער מיט, פון דער ניט צו הויכער סטעליע.

ס'איז געווען אַ וואָך נאָך פסח, אין מיטן פון אַ העל־זוניקן פרילינג־טאָג אין דער הייליקער אַלט־צפת.

ווען ר' נתן האָט מיך געזען אריינקומען, איז ער לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן פון דעם הויך־שטול, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען באַשעפטיקט און תיכף דערנעענטערט זיך צו מיר, אויסשטרעקנדיק די האַנט און גע־געבן מיר אַ גאַר פריינטלעכן שלום־עליכם . . .

ר' נתן, אַ ייד אין די אַנהויב זעכציקער, אַ מיטל־וואוקסיקער, מיט שטילע, ווייכע אויגן און אַ שמייכלענדיק פּנים, פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעשטראַלט אַ לויכטנדיקע, זוניקע פרייד, האָט מיך ממש גערירט מיט אָט דער וואַרעמער באַגעגעניש; האָב איך, נאַטירלעך, אים תיכף אָפּגעענטפערט מיט אַ העכסט וואַרעמען „עליכם שלום". און, תוך כדי דיבור, איידער איך האָב נאָך גוט אַרומגעקוקט דאָס „שטיבל", האָט ר' נתן אויף אַן אינטימען, היימישן אופן, אָנ־געהויבן פאַר מיר דערציילן די געשיכטע פון אָט דעם קליינעם בית־מדרש, און ווי אַזוי ער האָט דאָ, אין אַלט־צפת, באַקומען זיין תיקון. אַ מעשה, וואָס ער דערציילט, הפּנים, יעדן ניי אַריינקומענדיקן יידן אין זיין שולכל.

כ'האָב געפילט, אַז דער ייד איז באמת פריידיק דערהויבן און גליקלעך, וואָס ער האָט זוכה געווען אַריבערצוקומען פון גלות רומעניע אין דער זוני־קער הייליקער צפת, און וואָס איז ביכולת איצט צו דערציילן פון זיינע מורא־דיקע איבערלעבונגען, אין דעם קליינעם רומענישן יידישן ישוב, אונטער דער נאַצי הערשאַפט.

— מעשה שהיה כך היה — האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן די אי־בערלעבונג זיינע באריכות — אַז מיר זיינען געבליבן ב"ה צווישן די לע־בעדיקע איז טאַקע נאָר אַ נס מן השמים. אוי, וואָס מיר האָבן עס נישט אי־בערגעליטן און דורכגעטראָגן פון די נאַצישע רוצחים, ימח שמם וזכרם! . . .

— געווען זיינען מיר דאָרטן אַ קליינער ישוב, מיט זייער חשובע באַלע־באַטים. מען קען זאָגן אפילו פאַרמעגלעכע, אָבער זייער וואוילע, טייערע יידן. מיר האָבן געהאַט אונדזערס אַן אייגענעם בית־מדרש, מיט אַן אייגענעם רב,

ר׳ יוזעפל זצ״ל. אַ גרויסער צדיק געווען אונדזער רב, אַ צדיק בן צדיק! און אומגעקומען איז ער טאַקע נאָר על קידוש השם . . . איר פרעגט פאַר וואָס? און ווי אַזוי? טאָ הערט זיך איין, מיין פריינט:

— געגאַנגען איז ער פאַר אונדז, זיינע יידן, בעטן ביי די נאַצישע רוצחים זיי זאָלן זיך מרחם זיין און לאָזן גאַנץ, נישט צעשטערן, אונדזער בית התפילה; דערלויבן אונדזער קליינער עדה יידן מתפלל זיין בציבור. נו, נו, האָבן זיי די עשו׳ס, זיך איזדיעקעוועט איבער אים! האָבן זיי עס פון אים אָפּגעחוזקט! אומברחמנותדיק האָבן זיי אים מבזה געווען, אָפּגעטאָן אים עינויים קשים, אויסגעפליקט זיין שיינע, הדרת־פּנימדיקע באָרד און, אַרויסגעלאָזט אים אויפן גאַס אַ נאַקעטן, אין איין העמד. פאַר גרויס עצבות, צער און ווייטיק איז ער נאָכדעם פאַרשלאָפט געוואָרן און טאַקע קירצלעך נאָכדעם געשטאָרבן.

— איר קענט זיך משער זיין ווי מיר, די קליינע עדה יידן, האָבן דאַן געפילט. די שרעק, וואָס מיר האָבן איבערגעליטן: טאָמער, חלילה, די גאַנצע עדה יידן אונדזערע וועט אָפּגעווישט ווערן גאָר אין גאַנצן און ס׳וועט, חלילה, קיין זכר מער פון אונדז ניט בלייבן. נו, האָבן מיר געוויינט און געקלאָגט אויף אונדזער ביטערן גורל, און דאָך געהאָפט אויף אַ נס גדול מן השמים . . .

פאַר יציאת נשמה האָט ר׳ יוזעפל אויסגערופן צו אונדז, אַרום אים שטיי־ענדיקע: טייערע יידן מיינע, זייט זיך ניט מייאש! געדענקען זאָלט איר, אַז ווער פון אייך ס׳וועט נאָך זוכה זיין צו בלייבן לעבן און אימירצעשעם איבער־קומען די ווילדע רשעות און אכזריות, וואָס האָט זיך ווי אַ ווילד־פייער אָנגע־טראָגן אויף כל ישראל, זאָלט איר אָבער למ״ה אין זינען האָבן, און בפירוש ניט פאַרגעסן, אַז „דאָס געצעלט פון יעקב״ טאָר ניט צעשטערט ווערן! באמת זיך עס צוריק אויפשטעלן; זייט ממשיך אונדזער הייליקע אמונה, אונדזער איי־ביקן קיום; בזכות זה וועט איר דערלעבן אימירצעשעם, במהרה ובימינו בארץ ישראל . . .

אין אונדזער שטעטל איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער און ערגער: די רומענישע און נאַצישע רוצחים האָבן צעשטערט און פאַראומריייניקט אונדזער מקום קדוש. די „רייניקייט״, די איינציקע ספר תורה, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר באַוויזן פריער ארויסצונעמען און באַהאַלטן אין אַ הייל. אָבער דעם אָרון־קודש, די שטענדערס, דעם באַלעמער, דעם כיור, אַלצדינג האָבן זיי צעבראָכן און אַרויסגעוואָרפן אויפן שול־הויף אין אַ קופּע, צום פאַרברענען.

— די עטלעכע פאַרבליבענע יידן האָבן מיט גרויס צער און עצבות אַלץ צוגעזען, וואָס ס׳ווערט פון דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן אַזוי הייליק געהאַלטן און אָפּגעהיט. עטלעכע פון אונדז האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, געלעגן פאַרשטעקט אין די בערגיקע היילן. מיר האָבן אָבער אויף איין רגע נישט פאַרלאָרן דעם בטחון, אַז דער רש״ע וועט זיך דאָך אויף אונדז מרחם זיין און די ספר־תורה, וואָס מיר האָבן באַהאַלטן אין הייל, זאָל חלילה, נישט אַריינפאַלן אין די רוצחי־שע, טמאדיקע הענט.

— ביי דער פּטירה פון אונדזער רב ז״ל, האָבן מיר גענומען אויף זיך אַ נדר, אַז אויב מיר וועלן זוכה זיין ביי דעם בורא העולם און מיר וועלן ב״ה

לעבן בלייבן, וועט קיין איינער פון אונדז נישט רוען, ביז וואַנען די הייליקע צוואה פון אונדזער חשובן רב וועט אויסגעפירט ווערן — צוריק מחדש זיין אונדזער בית התפילה.

— ווען די היטלער מגפה האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט זיך באַוויזן, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די באַהעלטענישן, פון די לעכער, אָפּגעאָטעמט אַביסל פרייער: לכל הפחות דער־פילט, אַז מיר זיינען שוין זיכער מיטן נפש; האָבן מיר תיכף אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן וועגן הייליקן נדר, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען און, בעיקר טאַקע, אָט די הייליקע שליחות אונדזערע אויספירן . . .

— קודם האָבן מיר אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך צי ס'איז עפּעס פאַרבליבן פון אונדזער בית־מדרש נאָך אָט דער שרעקלעכער אָנשיקעניש. נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? חושך איז אונדז אין די אויגן געוואָרן! די ווילדע בעסטיעס האָבן אונדזער בית־מדרש פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל פאַר פערד, להבדיל־אלף־הבדלות. דאָס איינציקע וואָס איז ניט אַריינגעפאַלן אין זייערע בלוט־טיקע טמאדיקע הענט איז אונדזער „ריינינקייט". צו דער פאַרבאָרגענער הייל, וואו מיר האָבן אויסבאַהאַלטן אונדזער ספר־תורה, האָבן די רוצחים ניט באַוויזן צוצוקומען. אויך די צעבראָכענע ברעטער פון אונדזערע געוועזענע שול־בענק, שטענדערס, ארון־קודש און באַלעמער האָבן מיר געפונען אויף דער זעלביקער קופּע, ווי פריער, צום גליק און גאָטס חסד, ניט פאַרברענטע . . .

— יאָ, מיין ליבער פריינט, מיר האָבן געזען אין דעם אַ גרויסן מופת. טאַקע נאָר ווי פון אַן אצבע אלקים! גאָטס וואָך האָט איבער דעם געוואַכט . . .

— נו, האָבן מיר אוודאי געלויבט און געדאַנקט דעם גרויסן גאָט אונ־דזערן, און געזונגען אַ שיר מיט גרויס חדוה:

— „אני מאמין באמונה שלימה, בביאת המשיח אני מאמין" . . . פאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אונדז. מיר, די לעבן געבליבענע, האָבן זיך דאָך באַטראַכט ווי די אחריותפולע שליחי ציבור, פון אונדזער געוועזענער חשובער עדה יידן; און פּונקט ווי אונדזער אייגן צעבראָכן לעבן, וועלן מיר מוזן צוריק אויפשטעלן, אַזוי וועלן מיר אויך מוזן, טאַקע תיכף, צוזאַמענגעמען די איבעריקע רעשטלעך פון אונדזערע פריערדיקע שול־בענק, די שטענדערס און באַלעמער, פאַרריכטן און גאַנץ מאַכן פאַר אונדזער באַנייטן בית־מדרש.

— מיר האָבן אָבער באַלד איינגעזען, אַז בלייבן דאָרט, אין רומענישן שטעטל, אויף דער מיט בלוט אויסגעווייקטער ערד, פון אונדזערע קדושים־מאַרטירער, אונדזערע זין און טעכטער, קינדערלעך און זקנים, האָט שוין מערער פאַר אונדז קיין שום זין נישט געהאַט; האָבן מיר ערנסט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע געבורטס־לאַנד אונדזערס און אויסוואַנדערן אין אונדזער צוויי־טויזנט־יאָריק אויסגעבענקט היימלאַנד — ארץ ישראל . . .

— בקיצור, מיר האָבן ערנסט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער גרויסער נסיעה. און, ווי איר זעט, זיינען מיר דאָ אין אונדזער אַלטער הייליקער צפת.

— וואָרום האָט איר דווקא אויסגעקליבן אַלט־צפת און ניט ירושלים?

— האָב איך אַ פרעג געטאָן, דעם פריינטלעך, גוטמוטיק־באַרעדעוודיקן שמש ר' נתן.

— וועגן דעם, זעט איר, איז ביי אונדז קיין חילוקי־דעות נישט געווען. מחמת די מקורבים פון אונדזער רב ז״ל, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי זיין יציאת־נשמה, האָבן אליין געהערט פון זיין הייליק מויל אַ רמז, אַז דער מקום פון אונדזערע הייליקע מקובלים, וועלכע זיינען זיך מתעסק מיט אונדזער הייליקער תורה, כל ימים ולילה, געפינט זיך בעיר הקדושה — צפת . . .

— אין ארץ ישראל, האָט ער פאַר אונדז מסביר געווען נאָך ביי זיין לעבן, איז פאַראַן אַ מנהג פון קדמונים, אַז די פרומע יידן פון גאַנץ ישראל, זיינען ל״ג־בעומר עולה־רגל אַהערצוצו, קיין אַלט צפת. אַהער קומען זיי אויף קבר אבות צום גרויסן צדיק, שמעון בר יוחאי. דאָ זיינען זיי מתפלל אין זיין שול, און דאָ גיבן זיי זיך איבער צו השתפכות הנפש . . .

— צפת, מיין פריינט, איז אַ מקום פון קדושה! דאָ האָבן געלעבט גרויסע, פרומע יידן, נביאים און געטלעכע מענער . . .

— פאַרשטייט איר שוין, אַז ביי אונדז איז שוין מער קיין ספק ניט געווען, אַז אַלט־צפת וועט זיין אונדזער מקום מנוחה. איז אָט ווי איר זעט, זיינען מיר ב״ה דאָ. און ווי איר קוקט אַן אָט דאָס אָרעמע שולכל אונדזערס, אָט די שול־בענק און שטענדערס, דעם ארון קודש און באַלעמער, און אפילו דעם מעשענעם הענג־לייכטער, וואָס איך האָב נאָר וואָס געפוצט — אַלץ איז פון דאָרטן, פון אונדזער געוועזענעם בית־מדרש אין רומעניע.

— די ברעטער פון די צעבראָכענע שול־בענק, פון די שטענדערס און באַלעמער, וואָס די נאַציס האָבן פאַרפעלט צו פאַרברענען, האָבן מיר צוזאַ־מענגעקליבן, מיט אָפגעהיטקייט איינגעפּאַקט און אריבערגעבראַכט אַהערצו־צו. דאָ, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר אַלץ פאַרריכט, צוזאַמענגעקלאַפּט און אפילו אָפּגעפאַרבט מיט דעם זעלביקן קאָליר ווי פריער, מיט די זעלביקע געמעלעכצן און זיי ווידער צום לעבן געבראַכט . . .

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז זאַכן און הייליקייטן זיינען ווי לעבעדיקע ברואים: זיי וויינען און טרויערן ווען זיי זיינען אין צער און עצבות, און זיי ווערן פריידיק, זינגעוודיק און דערהויבן, ווען זיי געפינען צוריק זייער מקום־מקלט און אַ תיקון פאַר אַ באַנייט לעבן . . .

— יאָ, מיין ליבער ייד — האָט נתן, דער גוטמוטיקער שמש, ממשיך געווען זיינע איבערלעבונגען — פונקט ווי מיר, וואָס זיינען שוין געווען אויף דער שוועל פון טויט און טאָקע ווי נאָר דורך אַ נס איז צו אונדז געקומען אַ נייע תקומה און ווידער נתחדש געוואָרן, אַזוי איז אויך אונדזער אַלטער בית־מדרש און אַלץ וואָס איז געווען אין אים, אַלץ איז איבעראַנייס באַלעבט געוואָרן...

— דאָ, זעט איר, זיינען מיר ווידער מתפלל ווי אין אונדזער פריערדיקן אַלט־רומענישן בית־מדרש; דאָ האָבן מיר, די לעבן־געבליבענע, און אַלץ וואָס איר זעט דאָ, ערשט באַקומען אַן אמתן הייליקן תיקון . . .

— — — —

כ'האָב פאַרלאָזן דעם גוטמוטיקן, ערלעכן שמש נתן, פון דעם קליי־

נעם רומענישן שולכל אין אַלט צפת מיט דעם געדאַנק און געפיל:

אַז וואויל איז דעם, וואָס איז אַן אויפריכטיקער בעל מאמין און האָט אַ טיפן בטחון און ליכטיקע האָפענונגען: דאָס זיינען די שטאַרקסטע פעסטונגען קעגן כלערליי ספקות און האַרבע נסיונות; דאָס פאַרגרינגערט איינעמס משא פון צער און עצבות אין אַן עת צרה און דערפירט אים, סוף־סוף, צום צו־געזאָגטן לאַנד פון גייסטיקער דערלייזונג.



שכר לימוד — בערל סאטט

# דאָקטאָר בלעס

## כאַוועד־פּאַוועד

(פון בוך: „זלמן דער שוסטער״, וואָס איז אין דרוק)

אין יענע יאָרן, ביז ניט לאַנג צוריק פון אונדזער איצטיקער צייט, האָט געשמ׳ט צווישן די יידן אין לאָס אַנגעלעס אַ דאָקטאָר בלעס. דעמאָלט, נאָך ביי זיין לעבן, זיינען אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס וועגן אים. ער איז געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין, וואָס האָט ביי אָרעמע חולאים ניט געוואָלט נעמען קיין געלט. פּאַרקערט, ער האָט אריינגעשטופּט עטלעכע מטבעות אויף צו קויפן מעדיצינען. זיין אויסערלעך באַנעמען מיט חולאים איז גראָד געווען אַ כעס׳דיקס, שטענדיק רק געשריען, זיך אפילו געזידלט.

— פּעדלערוק — פלעגט ער מאַכן צו אַ חולה, וואָס וויל אים געבן אַ דאָלער פאַר זיין טרחה — דו ביסט שוין עפּעס אַזוי רייך געוואָרן, אַז דו וואַרפסט זיך מיט דאָלערן? קוק אים נאָר אָן, דעם גרויסן גביר! נוץ דאָס בעסער פאַר דיין ווייב און קינדער, וואָס ווערן פאַרוויסט און פאַרשוואַרצט ביי דיר. אַז אַך און וויי צו אַזאַ פאַרדינער, ווי דו ביסט.

דאָקטאָר בלעס איז געווען אַ רוסיאַווער, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ לייביקער, אַ געוואַלדיק קורצזיכטיקער, מיט זייער דיקע גלעזלעך אויף זיינע ברילן. אין יידישן אינסטיטוט אויף קאָורט סטריט האָט ער אָפּט געהאַלטן לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס, אָבער דער עיקר איבער דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געקענט זייער שיין פאָרלייענען, דער דאָקטאָר בלעס. ס׳איז געווען אַזוי שטיל, בשעת ער האָט פאָרגעלייענט, אַז מען האָט אַזש געקענט הערן ווי די הערצער קלאַפּן ביים עולם. אַך, וואָס פאַר אַ טייערער עולם דאָס איז געווען. אַ סך פון עולם מיט קראַנקע לונגען, שווערן רומאַטיזם, עלנטע מענטשן, זיך אַנגעפאָרן פון אַלע ווינקעלעך איבער אַמעריקע, און איצטער, אויף דער לעקציע, האָט ממש די שכונה געדרוט אויף זיי. שטראַלנדיקע מענטשן.

מיט זיינע אָפּטע לעקציעס וועגן יידישע שרייבער האָט ער געשאַפן אַ חשק ביי זיינע צוהערער צו לייענען יידישע ביכער. וועגן זיין משונהדיקער ליבשאַפט צו די ביכער, און באַזונדערס צו יידישע, גייען אַרום צווישן די „אָלדטאַימערס״ גאַנצע לעגענדעס.

אין איין מעשה דערציילט זיך, ווי ס׳איז געקומען צו אים אַ פּאַציענט און ער האָט אים געפרעגט צי ער האָט שוין געלייענט דעם און דעם יידישן בוך, און אַז יענער האָט געענטפערט גדלותדיק, אַז ער לייענט ניט בכלל קיין „זשאַרגאָנישע״ ביכער, האָט ער אים אַרויסגעטריבן פון אָפּיס.

אין אַ צווייטער מעשה דערציילט זיך, אַז מען האָט אים איינמאָל גערופן צו אַ פּאַציענט אין הויז און ער האָט דאָרטן ניט געטראָפן קיין ביכער־שראַנק, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען אויף די מענטשן פון הויז, אַז זיי זיינען „כאַמולעס״, און אַז ער וויל מיט זיי ניט האָבן צו טאָן.

ער אַליין האָט געקויפט וואָס נאָר פאַר אַ יידיש בוך ס׳איז אַרויסגעגאַנגען. אין זיין דאָקטאָר־אָפּיס האָבן זיך מערער אָנגעזען זיינע שאַפעס מיט ביכער, מערסטנס יידישע, ווי די דאָקטאָרשע אינסטרומענטן, מיט די מעדיצין־פלעש־

לעך. שטענדיק האָט מען אים געזען לייענען. ניט איינמאָל האָבן זיינע פּאַציענטן אין פּאָדער־צימער פון זיין אָפּיס געוואַרט, און ער, דאָרטן אינעווייניק אין אָפּיס, האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען.

איינמאָל, דערציילט מען, האָט אים איינער געליען אַ בוך. דאָס איז געווען דער ערשטער באַנד פון בערגלסאָנס שריפטן. דריי אַזייגער ביינאַכט — מען קלינגט שטאַרק דאָס טיר־גלעקל. לויפט מען אַראָפּ אוודאי אין אַ געוואַלדיקער שרעק, ערשט ס׳איז דאָקטאָר בלעס. וואָס איז די מעשה? ער האָט ערשט פאַרענדיקט לייענען דעם ערשטן באַנד, איצטער וויל ער דעם צווייטן באַנד!

און אַז אַ יידישער שרייבער, אָדער געלערנטער, פלעגט אַראָפּקומען צו־גאַסט קיין לאָס אנדזשעלעס, פלעגט ער שוין זען, אַז ער זאָל זיך מיט אים טרעפן, און אָפּטמאָל פאַרנאַרט אים צו זיך אין אָפּיס, כלומרשט אים אונטערזוכן, און אַ האַלב־נאַקעטן אים אָפּגעהאַלטן אויפן עקזאַמינירטיש און שעהן און שעהן לאַנג ריידן מיט אים וועגן דער יידישער ליטעראַטור. ווען ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט ער געלאָזט נאָך זיך זייער אַ רייכע יידישע ביבליאָטעק מיט גאָר זעלטענע ביכער, וואָס זיינען שוין ניט בנמצא.

מאַכט זיך, אַז מיין עלטסטע טאָכטער דאַרף געלעגן ווערן. וועמען זשע רופט מען? דאָקטאָר בלעסן. ס׳ערשטע קינד געווען ביי איר. ס׳איז געווען פאַרנאַכט ווען ס׳האָבן איר אונטערגעשפּאַרט די ווייען. איז געקומען צוגיין דאָקטאָר בלעס מיט זיין רענצל אינסטרומענטן, זי באַטראַכט, און זיך אָנגערופן צו איר ביי זלעך:

— שאַ, שאַ, וואָס מאַכסטו אַזוינע געוואַלדן? מיינסט טאַקע, אַז דו ביסט די איינציקע פרוי אויף דער וועלט וואָס האָט ווייען, ווען מ׳גייט צו קינד?

אַזוי האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, און מער שוין ניט געוואָלט זיך אומקוקן אויף איר, מחמת לויט אים נאָך איז אויסגעקומען, אַז זי האָט זיך צו פרי צעגעוואַלדעוועט, אַז דאָס קינד וועט ערשט קומען אַ סך שפּעטער. אָבער ער איז פונדעסטוועגן פאַרבליבן אין שטוב וואַרטן, טאָמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך. און דערווייל, ווי זיין טבע איז געווען ביי יעדן יידישן פּאַציענט אין הויז, האָט ער געזוכט דעם ביכער־שראַנק. אין מיין הויז האָט ער אים לאַנג ניט געדאַרפט זוכן און ער האָט געפונען דאָרטן אַ סך יידישע ביכער. דאָקטאָר בלעס האָט דערטאַפּט אין ביכער־שראַנק זייער אַ דיק בוך פון כמעט אַלע י. ל. פּרצעס שריפטן, אַרויסגעגעבן פון דער „צוקונפט”. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אים גענומען לייענען. שטייענדיקערהייט אים געלייענט. צוליב זיין קורצזיכטיקייט, איז די נאָז אים ממש געלעגן אויפן בלעטל. וויל איך אים אונטערטראָגן אַ בענקל, ער זאָל זיך צוזעצן, זידלט ער מיך גלייך אָפּ, הלמאי איך דול אים אַ קאָפּ און שטער אים דאָס לייענען.

זאָג איך שוין גאָרניט. אַז דער דאָזיקער טשודאַק איז אַזאַ געפּערלעכער כעסן! מיין טאָכטער דערווייל קרעכצט פון ווייטיק, אָבער אים גייט דאָס ניט אָן. ער שטייט זיך און לייענט פּרצן, און מאַכט מיט די ליפּן, ווי אַ נאַשער וואָס וואָלט זיך געקוויקט מיט עפּעס אַ זיסקייט. מיין טאָכטער, ווי יעדע מאַמע

מיטן ערשטן קינד, וויל ניט שווייגן, ס׳ווייזט זיך איר אויס, אַז אָט שטאַרבט זי, אָט גייט זי פון דער וועלט, און אַלע מינוט לאָזט זי ארויס א נייעם מוח־שפּאַלטנדיקן קוויטש.

איך גיב אַ קוק, ער נעמט פּרצן און גייט זיך מיט אים אַריין אין וואַש־צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ס׳גייט אַוועק אַ שטיקל צייט — ער יאַ־וועט זיך ניט אַרויס. און דאָ מיין טאָכטער קוויטשעט, אַז איך און מיין גאָלדע קאָנען דאָס שוין ניט איבערטראָגן. מאַכט שוין צו מיר מיין גאָלדע, אַז איך זאָל אָנקלאַפּן אין טיר פון וואַש־צימער. זאָג איך איר, אַז זאָלן מיר נאָך אַביסל אויסוואַרטן. וואַרטן מיר און וואַרטן — ער קומט נאָך אַלץ ניט ארויס. און דאָ דערהער איך, עפּעס גיסט זיך וואַסער דאָרטן אין וואַש־צימער, ווי איינער וואָלט אָנגעפילט די וואַנע. פאַרשטיי איך ניט — זאָל זיך דאקטאר בלעס נעמען אַ באָד ביי מיר אין הויז? עפּעס אַזאַ זאַך וואָלט געווען גאָר משונהדיק; געקומען אַ דאקטאָר צו אַ פּאַציענט, און דאָ פּלוצלונג נעמט ער זיך אַ באָד.

דערווייל איז מיין טאָכטער אַביסל איינגעשטילט געוואָרן, איינגעשלאָפן, און מיר האָבן זיך אוודאי דערפרייט. אָבער דאָס, וואָס דאקטאר בלעס איז נאָך אַלץ אין וואַש־צימער, לאָזט אונדז ניט רוען. שטיי איך הינטער דער טיר און הער זיך צו — לויפט שוין דאָרטן ניט מערער קיין וואַסער, און ס׳איז אַזוי שטיל דאָרטן, אקוראַט, ווי קיינער וואָלט ניט געווען דאָרטן. דערשרעק איך זיך שוין. ווער ווייסט, וואָס ס׳האָט חלילה מיט אים דאָרטן געקענט טרעפן? עפן איך שוין פּאַוואָליע די טיר, און איך גיב אַ קוק, דער מחותן זיצט זיך אָדם נאַקעט אין אַ וואַנע הייס וואַסער, אין זיינע הענט דער גראָבער באַנד י. ל. פּרץ, און מיט די קורצזיכטיקע אויגן לופיט ער איבער די שורות און מאַכט מיט זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט פון עפּעס אַ זעלטענער נאַשעריי. האָב איך אים געלאָזט זיצן אין וואַנע און הנאה האָבן פון פּרצן, כל־זמן מיין טאָכטער איז געשלאָפן. שפּעטער אָבער, ווען זי האָט אָנגעהויבן די ריכטיקע געוואַלדן, איז ער גלייך אַרויסגעשפּרונגען מיט אַזאַ יינגלשער פלינקקייט, און אין אַ מינוט אָדער צוויי שוין געווען ארומגעווישט, אָנגעטאָן און זיך גענומען צו דער געווינערין מיט זייער פלינקע הענט.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע איז אַוועק אַ לאַנגע צייט, און איך האָב דר. בלעסן מער ניט געזען. איך האָב אָבער געהערט וועגן זיינע לעקציעס, און וועגן זיינע באַמיאונגען לטובת דעם יידישן בוך, דראַמאַטישע געזעלשאַפטן און אַנ־דערע קולטורעלע אינסטיטוציעס. איך האָב אויך געהערט, אַז אויף די על־טערע יאָרן האָט ער אויפגעגעבן זיין דאָקטאָריי און איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל זיך באַזעצן. דאָס איז געווען אין יאָר 1948, פּונקט אין דעם יאָר, ווען די שפּיטאָלן זיינען געווען איבערפילט מיט די פאַרוואונדעטע פון די שלאַכטן, און דאָקטוירים אין דער נייער מדינה זיינען געווען אַזוי ווייניק. ווי זשע האָט שוין געקענט דער דאָקטאָר בלעס זיך פאַרגינען זיין פון־לאַנג־געטרוימטן אָפּרו אין לאַנד ישראל ? ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין לאַנג־יאָריקער דאָקטאָרשער דערפאַרונג . . . אָבער ס׳איז הפנים שוין געווען איבער זיינע כוחות . . .

אָט אַזוי איז אַוועק פון אונדז איינער פון אונדזערע שענסטע געשטאַלטן...

# יעקב זינגערס דראַמען

## דר. דוד ברידזשער

מיט די צוויי דראַמען „חיים סאַלאָמאַן״ און „מרימס חלום״, וואָס זיינען דערשינען אין דעם בוך „דראַמען״, סוף 1954, האָט יעקב זינגער זיך פאַרנומען צו באַהאַנדלען, אויב ניט צו לייזן, צוויי וויכטיקע פּראָבלעמען פונם יידיש־אַמעריקאַנער לעבן. די ערשטע פּראָבלעם האָט צו טאָן מיט דעם יידן ווי אַן אַמעריקאַנער, און די צווייטע פּראָבלעם האָט צו טאָן מיט דעם יידן ווי אַ ייד. אין אַנדערע ווערטער, די ערשטע פּיעסע „חיים סאַלאָמאַן״ דאַרף אַזוי צו זאָגן רעפּרעזענטירן דעם יידישן בייטראַג צום וואווילזיין, אויפבוי און אַנטוויקלונג פון דער אמעריקאנער דעמאָקראַטיע, און די צווייטע פּיעסע, „מרימס חלום״ דאַרף רעפּרעזענטירן דעם קאַמף פונם אַמעריקאַנער יידן אַנצוהאַלטן זיין לאָיאַליטעט און צוגעבונדנקייט צום יידישן כלל און שטאַם.

„חיים סאַלאָמאַן״, אַ לענגערע פּיעסע אין צוויי אַקטן, דערשינען אגב אין דעם יאָר פון די פייערונגען לכבוד דעם 300־יעריקן יובילײ פון יידישן ישוב אין אַמעריקע, איז געבויט אויף אויטענטישער דאָקומענטאַציע פון די שווערע יאָרן פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד, אין 78־1776. כאָטש חיים סאַלאָמאַן איז אין דער פּיעסע דער „הויפּט־העלד״, ווי דער געטרייסטער פּאַטריאָט און פינאַנציעלער מלאך־הגואל, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם גענעראַל וואַשינגטאָן צו זיגן אין אַ כמעט האָפענונגסלאָזן קאַמף, דאַרף די פּיעסע ניט באַטראַכט ווערן ווי בלויז די שילדערונג פון איינעם אַ יחיד, נאָר ווי די שילדערונג פון יידישן און אמעריקאנעם כלל אין די שווערע, ברויזנדיקע יאָרן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. דער מחבר שטעלט אויס אין דער פּיעסע אַ גאַלעריע טיפּן, וואָס גיבן אַ קוווער־שניט פון יידישן ישוב און פון אמעריקאַנער און ענגלישן פּאָלקסמענטשן. זעלנער, מיליטער־פירער, רעוואָלוציאָנערן, א. אַז. וו. אויף דער קאַנווע פון די האַנדלונגען אין דער פּיעסע קומט צום אויסדרוק די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פון יידישן קיום, און עס קומט בולט צום אויסדרוק דער קאָנפליקט צווישן פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט צו דער רעוואָלוציע פון איין זייט, און פּערזענלעכער וואוילזיין און זיכערקייט פון דער צווייטער זייט. חיים סאַלאָמאַן פּערזאָנפיצירט, פאַרשטייט זיך, דעם ריינעם אידעאַליזם און גרייטקייט פון זעלבסט־אָפּערונג אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע און דעמאָקראַטיע, אין קעגנזאַץ צו די וואָס פירן פּראַקטישע חשבונות און שטעלן פּערזענלעכע אינטערעסן העכער פון דערהויבענע אידעאַלן.

„מרימס חלום״, אַ דראַמע אין צוויי אַקטן, איז אקטועל דורך דעם וואָס זי רירט אָן די אַנגעווייטיקטע פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. אויך אין דער פּיעסע טרעטן אויף פאַרשידענע טיפּן, וואָס רעפּרעזענטירן דעם יידישן מיטלשטאַנד — זיינע פּאָלקס־מענטשן, מיט וויכטיקע און אויך קליינלעכע אַמביציעס, אָבער וואָס אין גאַנצן סך־הכל פילט זיך דער דראַנג אַנצוהאלטן אַ

געזונט, פּאָלקסטימליך און קולטורעל יידיש לעבן. כאָטש דער מחבר ווייסט אַז די פּראָבלעם פון געמישטע חתונות קען אפשר פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט ניט געלייזט ווערן, איז זיין צוגאַנג צו דער לייזונג פון אָט דער פּראָבלעם אַ ריין אידעאַליסטישער. ער פּרובירט, דורך דעם מויל פון זיינע העלדן, אויס־צוגראָבן אַלע גוט־באַקאַנטע ארגומענטן קעגן געמישטע חתונות; ער אַפּעלירט צום שכל־הישר; ער פּאַררופט זיך אויפן פּאַטאָלאָגישן קידער־ווידער צווישן ייד און ניט־ייד; ער שטעלט אוועק די פּראָבלעם פון קינדער־דערציאונג ביי קינדער פון געמישטע חתונות — ער „לייגט איין וועלטן" צו באַווייזן, אַז געמישטע חתונות זיינען קאַטאַסטראָפאַל סיי פאַרן יחיד און סיי פאַרן יידישן כלל — און ער דערפירט זיין פּיעסע צו אַ „גליקלעכן סוף".

ביידע דראַמען צייכענען זיך אויס מיט זייער פּאָלקסטימלעכקייט, ניט נאָר צוליב דער יאָדערדיקער פּאָלקסשפּראַך, צוליב די פּאָלקסטיפּן, וואָס ווערן פּאָר־געשטעלט (וואָס זיינען באַזונדערס בולט אין „מרימס חלום"), נאָר אויך מחמת דער פּאָלקס פּראָבלעמאַטיק וואָס ווערט באַהאַנדלט אין זיי. דער מחבר האָט אויך דערגרייכט אַ גרויסע מאָס פון אויטענטישקייט אין ביידע פּיעסן, צוליב דעם וואָס סיי די שפּראַך, סיי די סיטואַציעס, און סיי די קליידונג, די אויסשטאַטונג און די מאַניערן זיינען צוגעמאָסטן צו יעדן טיפּ, לויט זיין סאָציאַלן און קול־טורעלן ניוואָ.

ביידע פּיעסן האָבן די הויפּט־מעלה פון טעאַטראַלישקייט. דער מחבר איז בקי אין הלכות דראַמאַטורגיע, און האַלטנדיק זיך ביים טראַדיציאָנעל־קלאַסישן צוגאַנג פון בויען אַ פּיעסע, איז אים געלונגען צו שאַפן די געהעריקע עפעקטן פון שפּילמעסיקייט.

אין גרויסן סך־הכל האָט יעקב זינגער באַוויזן צו שאַפן צוויי ווערטפולע פּיעסן, וואָס זיינען אַ דאַנקבאַרער צושטייער צו דער איצט אָרעמער און אַנעמישער פּראָדוקציע פון טעאַטער מאַטעריאַלן. דאָס זיינען פּיעסן וואָס זייי־נען ניט געמיינט געוואָרן בלויז צום לייענען, נאָר דער עיקר צום שפּילן און אויפפירן.

סוף דבר. דער מחבר האָט זיינס געטאָן. ער האָט אונדז געגעבן צוויי נייע שפּילמעסיקע פּיעסן. עס בלייבט אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, ניט צו דערלאָזן, אַז די פּיעסן זאָלן בלייבן עקרות. עס דאַרפן זיך געפינען יחידים און געזעלשאַפטן, וואָס זאָלן אַרויפברענגען די פּיעסן אויף דער לעבעדיקער בינע. און זאָלן געבענטשט זיין די וואָס וועלן זיך אָפּרופן.

# דאָס לאָס אַנדזשעלעסער קדושים-העפט פון דריטן באַנד פון טעאַטער לעקסיקאָן

פון זלמן זילבערצווייג

ווען נאָך הכנות פון 15 יאָר, האָט דער געדאַנק אָדער אידייע וועגן אַ לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, אָנגעהויבן אָנצונעמען קאָנקרעטע פאָרמען, בעת מיין ערשטן באַזוך אין 1928 אין אַמעריקע, האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע יידישע וועלט.

אין מזרח אייראָפּע האָט געלעבט אַ קאָמפּאַקטע יידישע מיליאָנענדיקע מאַסע, וואָס איר קולטורעל לעבן האָט זיך אויסגעדריקט פולשטענדיק אין יידיש. צענדליקער יידישע צייטונגען, פעריאָדישע אויסגאַבן, אַ ברייט פאַרצווייגט יידיש שול־וועזן, אַ גאַנצע ריי ביכער־פאַרלאַגן, און אייניקע צענדליק יידישע טע־אַטערס. אין אַמעריקע האָט די יידישע פּרעסע אַרויסגעוויזן אַ שפע אויף אַלע געביטן: מאַטעריעל און קינסטלעריש, גייסטיק. בלויז אין ניו יאָרק אַליין האָבן געשפּילט בערך 12 יידישע טעאַטערס גאַנצע סעזאָנען, וואָס האָבן געדויערט מינימום עטלעכע און דרייסיק וואָכן אַ יאָר, אויסער אויף פּראָווינץ און אין קאַנאַדע.

און דאָך אפילו אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט זיך געפאָדערט אַן אומ־געהויערע אָנשטרענגונג צו שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען אַרויסצוגעבן דעם ערשטן באַנד פון „טעאַטער לעקסיקאָן". דאָס יידיש טעאַטער איז נאָך געווען אַזוי לעבעדיק, די שוישפּילער זיינען נאָך געווען אַזוי זיכער, אַז מען האָט נישט געפילט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון פאַרפיקסירן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער און אירע כהנים.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ מאַסע אויפקלערונג און ניט ווייניקער מאָראַ־לישע ליידן און קרבנות ביז דער ערשטער באַנד איז פאַרפענטלעכט געוואָרן. פון יענעם מאָמענט איז פאַרגעקומען אַן איבערקערעניש. דער קוק און באַ־ציאונג צום „טעאַטער לעקסיקאָן" איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. מען האָט באַקומען אַ געוואַלדיקן דרך ארץ און צוטרוי. סיי די גאַנצע יידישע פּרעסע, וועלכע האָט באַקומען אין דעם לעקסיקאָן אַ וויכטיק האַנט־בוך, סיי אַלע וועלכע האָבן אַן אינטערעס פאַרן יידישן בוך און פאַר יידישער קולטור, האָבן דערזען פאַר זיך אַ בוך מיט אַן ערנסטן צוגאַנג, אַן אוצר פון מאַטעריאַלן, דאַ־טעס, פאַרפיקסירטע פאַקטן און פאָרשונגס ארבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט ליבע און אחריות. אָבער — דאָס עקאָנאָמישע יידישע לעבן אין מזרח אייראָפּע האָט זיך אינצווישן געענדערט און דאָס אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לעבן אין אַמעריקע האָט בקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ, און אויב עס איז אָנגעקומען שווער דער געבורט פון ערשטן באַנד, זיינען די „וויען" פון צווייטן באַנד פון „טעאַטער לעקסיקאָן" געווען נאָך שווערערע, און דער קרבן וואָס דער רע־דאַקטאָר האָט געצאָלט אַרויסצוברענגען דעם צווייטן באַנד אויף דער וועלט, וואַרט ערשט פאַר זיין געשיכט־שרייבער.

ווען עס איז געקומען צום אַרויסגעבן דעם דריטן באַנד, איז די סיטואַציע געוואָרן נאָך ערגער. אין אייראָפּע איז פאָרגעקומען דער גרויסער חורבן, וואָס האָט אָפּגעווישט פון דער ערד נישט נאָר די פיזישע לעבנס פון מיליאָנען יידן, נאָר אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל דאָס גאַנצע יידישע קולטור לעבן. אין אמע־ריקע איז די גייסטיקע אסימילאציע געגאַנגען מיט ריזן־שריט, און איינער פון די ערשטע קרבנות אויף דעם מזבח איז געפאַלן דאָס יידישע טעאַטער. די צאָל יידישע טעאַטערס איז דערגאַנגען ביז אַ מינימום. די צאָל באַשעפטיקטע יידישע שוישפילער איז זייער קליין און זייער שטיקל ברויט איז אַ דאַרס. עס איז מער ניט געווען אויף וועמען אַרויפצולייגן די מאַטעריעלע לאַסט צו שאַפן די מיטלען פאַרן דריטן באַנד. די יידישע אקטיאָרן יוניאָן, וועלכע האָט אַ מאסע הילף געגעבן פאר די ערשטע צוויי בענד, האָט געהאַט דעם גרויסן עול פרנסה פאַר אירע מיטגלידער און קוים אליין אָנגעהאלטן איר עקסיסטענץ. אויך דער רעדאקטאָר פון לעקסיקאן האָט מער נישט געקאנט אויסהאַלטן דעם בוכשטעבלעכן הונגער און געמוזט זוכן אַ שטיקל ברויט אין אַנדערע פעלדער. די גאַנצע ארבעט ארום דעם דריטן באַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, ביז ענד־לעך איז ווידער אויסגעארבעט געוואָרן אַ פּלאַן דורך העפטן ארויסצוגעבן דעם דריטן באַנד.

דער פּלאַן האָט געהאַט דערפאָלג. דורך די העפטן, וואָס זיינען פאַקטיש געווען אַ פאָרטזעצונג פון דריטן באַנד, אָבער זיינען טעכניש דערשינען ווי העפטן, מיט אנאָנסן און באַצאָלטע באַגריסונגען, איז דערווייל אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ העלפט פון דריטן באַנד. די דאָזיקע העפטן זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן דורך פארשידענע ישובים איבער אמעריקע. אַ שטייגער, אַ געוויס העפט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך שיקאגא, אַן אַנדער דורך דעטראָיט, א. אז. וו. יידן, וועלכע האָבן אַ באַציאונג צום געדרוקטן יידישן וואָרט און ווייסן ווי אָפּצושאַצן דעם היסטאָרישן און קולטור־באַדייט פון טעאַטער לעק־סיקאָן האָבן זיך אין אלע שטעט וואַרעם אָפּגערופן און דורך זייערעביישטיי־ערונגען מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון די העפטן.

אָבער פון מאָמענט וואָס דער רעדאקטאָר, דער שרייבער פון די שורות, האָט זיך אריבערגעטראָגן קיין לאָס אנדזשעלעס, זיינען די טעאַטער־העפטן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אין די לעצטע חדשים איז אויך אין דער הינזיכט פאָרגעקומען אַן ענדע־רונג. אַ נייער קאָמיטעט, מיט מאָריס שווארץ, יוסף רומשינסקי, נייטען גאָלד־בערג, יעקב קאַליך, ראוז שושנה, לואיס סיגאל, נ. כאנין א. א. אין דער שפּיץ, איז צוגעטראָטן צו פאַרענדיקן דעם דריטן באַנד פון טעאַטער לעקסיקאָן, וואָס וועט אַריינגעמען נישט נאָר די ביאָגראַפיעס פון עטלעכע הונדערט שוישפּי־לער און טעאַטראלן, נאָר גרעסערע ארבעטן וועגן י. ל. פרץ, שלום עליכם, שמר, לעאָן קאָברין, בערטא קאַליש, דוד קעסלער, מאָריס שווארץ, מאַלי פּיקאָן, אסתר רחל קאמינסקא, יוסף רומשניסקי, דאָס יידישע קונסט טעאַטער, די יידישע אַקטיאָרן יוניאָן און צענדליקער אַנדערע וויכטיקע יידישע טעאַטער אינסטיטוציעס און טעאַטער פערזענלעכקייטן.

די אַרבעט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך אין 1913 אין פּוילן, וועט איצט פאַרענדיקט ווערן ביי אונדז אין לאָס אנדזשעלעס, וואו אַלע מאַטעריאַלן געפינען זיך, וואו די ארבעט ווערט געמאכט און מיט דער הילף פון מיטרע־דאקטאָר יעקב מעסטל ווערט עס געדרוקט אין ניו יאָרק.

לאָס אנדזשעלעס וועט אַלזאָ האָבן אויף איר קרעדיט, וואָס ביי איר אין שטאָט ווערט פארענדיקט אָט די גרויסע יידישע קולטור־היסטאָרישע ארבעט.

לאָס אנדזשעלעס ווערט אָבער געשטעלט פאַר אַן אויפגאבע, וואָס זי וועט העכסט וואַרשיינלעך דערפילן מיט שטאָלץ.

בערך 100 יידישע שוישפּילער און טעאַטראלן זיינען אין אייראָפּע דורך די היטלער־רשעים אומגעבראַכט געוואָרן. אָט די יידישע קינסטלער האָבן ביז אין דער לעצטער מינוט געדינט אונדזער פאָלק. זיי האָבן אין די לאַגערס פאַרזיסט און פאַרלייכטערט דאָס אומגליקלעכע לעבן פון זייערע ברידער און שוועסטער דורך געבן פאַר זיי פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן און אונטערהאַל־טונגען. אָט די אַלע 100 קדושים זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די אויוונס אָדער געפאַלן ערגעץ וואו, און מען ווייס נישט וואו זייער געביין איז. זיי זיינען נישט געקומען צו קבר, אָפּגערעדט שוין פון קבר ישראל. יעדער ייד, וועמען יידישע קולטור איז טייער, וועמען דאָס יידישע וואָרט איז ליב, איז זיי שולדיק אַ חוב.

דער טעאַטער לעקסיקאָן, וואָס נעמט פּרינציפּיעל נישט קיין דייטשע פאַרגיטיגונגס געלטער, וויל זיין די מצבה פאַר אָט די 100 קדושים, און דאָס וועט געטאָן ווערן דורך אַ ספּעציעל „קדושים טעאַטער־העפט”, און לאָס אַנ־דזשעלעס וועט האָבן די זכיה דאָס צו טאָן. אָט די געלטער וואָס וועלן אַריינ־קומען פון אָט דעם ספּעציעלן העפט וועלן פון איין זייט מעגלעך מאַכן אַריינ־צונעמען די ביאָגראַפיעס פון אָט די 100 קדושים און זיי געבן כאָטש אַ גייס־טיקן קבר, און פון דער אַנדערער זייט, מיטהעלפן, אַז דער דריטער באַנד פון „טעאַטער לעקסיקאָן” זאָל קאָנען דערשיינען, ווי געפּלאַנט, אין אָנהייב פון יאָר 1956.

# מכוח דעם מצב פון יידישן חינוך אין לאָס אנגעלעס

## בען צוקערמאַן

מיר האָבן דאָ געפייערט אַ זייער חשובע דאַטע אין יידישן לעבן — 300 יאָר יידן אין אַמעריקע. אויך האָבן מיר געפייערט 100 יאָר יידן אין קאַליפאָר־ניע. האָבן מיר געמאַכט אַ חשבון הנפש, וואָס מיר האָבן דאָ אויפגעטאָן? לאָמיר זיך ערנסט פאַרטראַכטן מכוח דעם עיקר פּראָבלעם: יידישער חינוך אין לאָס אנגעלעס, מאַכט איצט דורך אַ טאָפּלטן קריזיס — אַ פינאַנציעלן און אַ גייסטיקן. פון איין זייט זעען מיר אַז אונדזער ישוב דאָ, האָט זיך פאַנאַנדער־געוואָקסן צו אַן ערך אַ 400,000 יידן כן ירבו, מיט אַן אָרגאַניזירטער יידישער קהילה, מיט אַ „ביורא פאַר יידישערר דערציאונג”, וואָס באַדינט און סובסי־

דירט, טיילווייז, דעם יידישן חינוך; מיט אַ דערפאַרענער לערערשאַפט און שול־טוער וואָס גיבן אַוועק אָן אַ שיער צייט און איבערגעבנקייט צום יידישן חינוך. פון דער צווייטער זייט אָבער, זעען מיר אַ געוואַלדיקע אַפּאַטיע און גלייכגילט מצד די עלטערן פון די קינדער, כמעט ביי אַלע דערציאונג אינסטי־טוציעס.

אַזוי ווייט צוריק ווי אין יאָר 1922 האָב איך באַזוכט די „סאַטאַ גאַס פאָלק־שול״. די שול האָט דאַן געהאַט אַן ערך 70 תלמידים און תלמידות. דער ארבעטער רינג האָט דאַן געהאט 3 קינדער־שולן, אין „באַיל הייטס״ און „סיטי טערעס״ (יידישע געגנטן). די יידישע עלטערן, מענער און פרויען, האָבן באמת געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די יידישע דערציאונג. (די „ביורא״ פאַר דערציאונג האָט נאָך דאַן ניט עקסיסטירט, קיין סובסידיעס האָט מען ניט באַ־קומען). די יידישע באַפעלקערונג, צו יענער צייט, האָט געציילט אַרום 60,000 נפשות. ס'איז געווען אַ לעבעדיקער, יונג־ענערגישער עלעמענט, מיט אַ סך עקשנות און אידעאַליזם.

איך ווייס אַז אַ צאָל פון יענע שול־טוער זיינען שוין אויפן עולם האמת, אַ סך האָבן זיך געעלטערט און גאָר אַ סך זיינען פּשוט מיד געוואָרן. איך ווייס, אַז אין די דערמאָנטע געגנטן וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט דאָס רוב יידן, זיינען שוין היינט באַזעצט מיט מעקסיקאַנער אָדער אנדערע מינאָריטעטן. דער־פאַר אָבער זיינען אויסגעוואַקסן אין און אַרום ל. א. אַ סך גרעסערע יידישע צענטערס, ווי: בעווערלי הילס, פעירפעקס, וועסט אדאמס און „נאָרט האליוואוד״, וואו עס קאָנצענטרירן זיך גאָר היפשע יידישע באַפעלקערונגען.

די „ביורא פון יידישער דערציאונג״ האָט דאָ אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין יאָר 1935. לויט די ציפערן פון 1954, וואָס די „ביורא״ ברענגט וועגן דעם מצב פון די אַלע טיפּן שולן: „סאָנדיי סקולס״, קאָנגרעגיישאָנאל סקולס, נאָך־מיטאָק־שולן, און שולן וואו קינדער באַקומען אַן אונטערריכט מער ווי איין מאָל אַ וואָך, אָט די אַלע שולן וואָס זיינען אונטער דער השגחה פון דער „ביורא״ ציילן איצט אַן ערך 13,000 קינדער, איינגעטיילט לויט דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

העברעאישע קינדער גאָרטנס, 272; אַ צוואוואוקס פון 12 פּראָצ.

ישיבות קטנות, טאָג־שולן, 278 קינדער (לויט דעם יאָר 1953).

נאָך־מיטאָק שולן, העברעאישע, 3861; אַ צוואוואוקס פון 10 פּראָצ.

נאָכמיטאָק יידישע שולן, פון אַלע טיפּן (אַריינרעכענענדיק די אָרדן שולן), 636 קינדער, אַן אָפּפאַל פון 11 פּראָצ.

מיטלשולן: העברעאישע, יידישע און ישיבות, 185 קינדער; אַ צוואוואוקס פון 25 פּראָצ.

„סאָנדעי סקולס״, 12,602 קינדער; אַ צוואוואוקס פון 20 פּראָצ.

דער סך הכל: אַלע קינדער וואָס באַקומען וועלכע עס איז יידישע דער־ציאונג — אַרום 18,000; אַ צוואוואוקס פון 15 פּראָצ.

עס זיינען פאַראַן בערך אַ 5,500 קינדער, וואָס באַקומען מער ווי איין מאָל אַ וואָך אַ יידישן אונטערריכט (צוויי אָדער דריי מאָל).

די איינטיילונג פון די דערציאונגס אינסטיטוציעס לויט זייערע ריכטונגען,

שאַפט זיך די ווייטערדיקע טאַבעלע: אָרטאָדאָקסישע שולן, 16 פּראָצ.; קאָנסער־וואַטיווע, 37 פּראָצ.; די „סענטער סקולס", 5 פּראָצ.; יידיש־וועלטלעכע שולן (אַריינרעכענענדיק די פּראָגרעסיווע), 5 פּראָצ.; די רעפאָרם שולן, 36 פּראָצ.; יידיש־וועלטלעכע שולן (חוץ פּראָגרעסיווע) זיינען פאַראַן 3, מיט 247 קינדער, 154 יינגלעך און 93 מיידלעך. איןביידע קינדער־גערטנער פון די יידישע שולן זיינען פאַראַן 33 קינדער.

דער דורכשניטלעכער עלטער פון די קינדער אין די קאָנגרעגיישאנאַל שולן איז 11 יאָר. דאָס רוב עלטערן שיקן זייערע קינדער אין די דאָזיקע שולן, כדי צו ווערן בר־מצווה אָדער בת־מצווה. די סיבה וואָרום די יידישע שולן דאָ אין שטאָט וואַקסן נישט אין פּראָפּאָרץ מיט דער יידישער באַפעלקערונג, איז ניט נאָר צוליב דער פינאַנציעלער שווערער לאַגע אליין, און אויך נישט צוליב דער ווייטער צעשפּרייטקייט פון דער שטאָט, הגם דאָס זיינען צוויי וויכ־טיקע פאַקטאָרן; די סיבה איז, וואָס עס פעלט אַן ערנסטע באַציאונג צום גאַנצן יידישן שול־וועזן.

און אַז מיר ווייסן שוין די סימפּטאָמען פון דעם קראַנקן מצב פון יידישן חינוך, איז וואו נעמט מען דעם מומחה, וואָס זאָל דערפינדן אַ מין לעבנס־סערום, וואָס זאָל זיין ביכולת אויפצומונטערן די גלייכגילטיקע עלטערן; עפענען זייערע אויגן, זיי זאָלן זען די סכנה, וואָס עס שטייט פאַר דעם יידישן חינוך; אַז די פאַרנאַכלעסיקונג פון יידישער דערציאונג איצט, מיינט נישט קענען גוט מאַכן שפּעטער.

אונדזער גרויסע יידישע קהילה, די דריט גרעסטע אין אַמעריקע, בויט גרויסע טעמפּלען, שולן, „סענטערס" וואָס קאָסטן אָפּ מיליאָנען דאָלערן; אָבער אויף יידישער דערציאונג וואַרפט מען צו גראָשנס. אויב דער יסוד פון יידישן חינוך וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, וועלן, מיט דער צייט, אויך די שיינע טעמפּלען און שולן אָנהויבן פוסטעווען.

די ערנסטע, אויפריכטיקע שול און קולטור עסקנים, האָבן לעצטנס זיך פאַרטראַכט וועגן דעם איצטיקן שול מצב און פּרובירן עפּעס טאָן אויף דעם געביט. דער „ועד הישיבות" און דער שטאָט קאָמיטעט פאַר יידישער וועלט־לעכער דערציאונג מאַכן פאַרזוכן, דורך אויפקלערונגען, וועקן דעם יידישן עולם צו אחריות פאַרן יידישן חינוך, איידער עס ווערט צו שפּעט.

די דאָזיקע נייע דערציאונגס אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָט זוכן, כאָטש מיט זייער באַשרענקטע מינימאַלע מיטלען, צו קאָאָרדינירן די טעטיקייטן פאַר די שולן און אַרויסרופן מער אינטערעס ביי די עלטערן, דורך פּראָפּאַגאַנדע, פּרעסע און ראַדיאָ.

ווי דער שטאָט קאָמיטעט פאַר יידיש־וועלטלעכער דערציאונג האָט אין זיין פּראָקלאַמירונג צו דער יידישער עפנטלעכקייט געזאָגט:

„דער שטאָט קאָמיטעט פּלאַנירט צו דערגרייכן זיינע צילן דורך סיסטע־מאַטישער אויפקלערונג אַרבעט; דורך בשותפותדיקע אויפטרעטונגען פון די תלמידים פון אַלע יידיש־העברעאישע שולן; דורך אָרגאַניזירטע ווערביר־אַק־ציעס פאַר נייע תלמידים און דורך גרינדן נייע שולן".

איך האַלט אַז דער פאַרזוך און דער רוף פון די קאָמיטעטן צו העלפן פאַר־בעסערן דעם מצב פון יידישן חינוך אין לאָס אנדזשעלעס, דאַרף געפינען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג ביי אַלע יידן, פון אַלע ריכטונגען, און אָנהויבן ערנסט טראַכטן און טאָן ממשותדיקעס, כדי צו דערהויבן דעם ניוואָ פון יידישן חינוך און צו פאַרבעסערן דעם מצב פון יידישן שול־וועזן אין לאָס אנגעלעס.

## מאקס און פעני שפּאניער ע״ה

### און די ביבליאָטעק־אָפּטייל אויף זייער נאָמען אין ל.א. יידישן קולטור קלוב.

### א. כראַבאַלאָווסקי


מאַקס שפּאַניער

מאַקס שפּאַניער, אַ ליכטיק און לויטער געשטאַלט ביים לעבן, האָט גע־הערט צו די איינצלנע, אויסדערוויילטע פּערזענלעכקייטן, וואָס זייער נאָמען און לעבן בלייבן פאַר אונדז ווי אַ שיינער משל, ווי אַ ליכטיקער סימבאָל נאָך זייער אַוועקגיין פון אונדז. ער איז גע־בוירן געוואָרן אין בערלין, דייטשלאַנד אין 1874, געקומען קיין אַמעריקע אין 1898, געלעבט און טעטיק געווען אין נויאָרק, דענווער, לאָס אנדזשעלעס און סאן פראַנציסקאָ. דאָרט איז ער גע־שטאָרבן שבת, דעם 6טן נאָוועמבער, 1954 אין עלטער פון איבער 80 יאָר.

מאַקס שפּאַניער האָט געהאַט אידייען־חברים, פריינט און פאַרערער אין אַלע וועלט־טיילן און אומעטום האָט זיין טויט אַרויסגערופן טיפן טרויער. באַ־זונדער האָבן מיר געטרויערט דאָ אין לאָס אנדזשעלעס, וואו ער האָט אָפּט פאַר־בראַכט און איז געווען הארציק באַליבט. אזוי פאַרערט און באליבט איז אויך געווען זיין געטרייער לעבנס־חבר פעני שפּאַניער, וואָס איז אַוועק פון אונדז נאָר מיט אַ פּאָר חדשים פריער פאַר אים.

מאַקס שפּאַניער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט דער שפּראַך און קולטור פון שילערס און געטהעס דייטשלאַנד. פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן האָט ער געהערט צו דער אנאַרכיסטיש־פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז געבליבן אַן אידעאַלער פרייהייטלעכער סאָציאַליסט מיט זיינע אידייען און אין לעבן ביז דער לעצטער מינוט.

אין אמעריקע האָט ער זיך אויך באַהעפט מיט יידיש, יידישער קולטור און ליטעראַטור, געדעדט און געשריבן אַ שיינעם און ריינעם יידיש און אומעטום גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט.

פאַריידישט האָט שפּאַניערן נישט נאָר די פּרייהייטלעך־סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג, נאָר צומיינסטן זיין ליבע לעבנס־באַגלייטערין פּעני, וואָס איז פון דער היים געווען פרייהייטלעך־סאָציאַליסטיש און יידיש־פאָלקסטימלעך. ביידע זיינען געווען און געבליבן פאַר אונדז ווי אַ סימבאָל פון ליבע, געטריישאַפט און האַר־מאָנישן צוזאַמענלעבן.

דיזעלביקע האַרמאָניע פון זייער אייגן לעבן האָט אויך געהערשט צווישן טאַטע־מאַמע און קינד. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט צעשיידט; טאַטע־מאַמע, זייער איינציקע טאָכטער, מרס. אנא גרופּ, זייער איידעם מר. גרופּ, און צוויי געטראַטענע אייניקלעך האָבן געלעבט צוזאַמען ווי איין פאַמיליע.

און טאַקע דורך דער טיפער פאַרערונג און מי פון זייער טאָכטער און איידעם אַון מיט דער פיינער, קולטורעלער באַציאונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדער אָרט אין דער רייכער ביבליאָטעק פון קלוב, וואו ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן די מאקס און פּעני ביבליאָטעק, וואָס באַשטייט פון אַרום 300 ביכער אין יידיש, ענגליש און דייטש.

איינצואָרדענען די ביבליאָטעק האָט אָפּגעגעבן אַ סך צייט און מי דער זעלטענער מענטש, ביבליאָטעקאר פון קלוב, פריינט אזאלין, דער גרויסער ליב־האָבער פון יידישן בוך, וועלכן ער ווידמעט איצט זיין גאַנצע צייט.

די פייערלעכע עפענונג פון דער ביבליאָטעק איז פאָרגעקומען שבת אָוונט, דעם 19טן פעברואַר. געעפנט דעם אָוונט מיט אַ קורצער ביאָגראַפיע פון מאקס שפּאַניער האָט דער פאָרזיצער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, י. פרידלאַנד. די דיכטערין מלכה טוזמאן האָט פאָרגעלייענט איר פּאָעמע, געשריבן צו דער געלעגנהייט, „מענטש און בוך". דער ווייאָלין־קינסטלער ליאָן פיעלד, האָט גע־שפּילט עטלעכע קלאַסישע נומערן. עוועלין כראבלאָוו־מאנקארזש האָט זייער געלונגען פאָרגעלייענט אין ענגליש אַן אינהאַלטסרייכע שריפט פון שפּאַניערס טאָכטער, מרס. אנא גרופּ, „מיין טאַטנס פּאָרטרעט". א. כראבאלאוסקי האָט פאָר־געלייענט זיינע אַן עסיי „מאקס שפּאַניער דער מענטש". דער אָוונט האָט גע־מאַכט אַ טיפן רושם אויף די פאַרזאַמלטע.

דער אָנדענק פון מאקס און פּעני שפּאַניער וועט פאַרערט ווערן פון אַלע זייערע חברים און פריינט פון נאָענט און ווייט. זייערע נעמען און זייער ליכטיק אידייאיש־רייך לעבן זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

## מאַלע וואָס מען זאָגט!

### פון אברהם באַביטש

אונדזער יידישע גאַס איז לעצטנס אַזוי פאַרפלייצט מיט 60 און 65 יעריקע יובילאַרן, אַז די צוציקעס, ד.ה. די וועלכע זיינען אונטער 60 וועלן זיך פשוט שעמען אויסזאָגן זייער עלטער.

* * *

ש. ברייניך פרעגט: וואָס איז דער גרויסער אויפטו צו דערלעבן 65 יאָר?

אָט האָט ער שוין אַריינגעשפּאַנט אין די זיבעציקער, און ער קלייבט זיך ערשט מאַכן אַ נייע רייזע קיין ישראל.

* * *

ש. באַנטשיק, פון ניו יאָרק, אויך אַ יובילאַר, זאָגט, אַז אויב איר האָט אייער גאַנצן לעבן ניט געגלויבט אין קיין ווינטשעוואַניעס, איז ווען איר דער־גרייכט אָבער דעם עלטער פון 65, און איר קענט שוין אַזוי פיל ניט לויפן — איז אַביסל ווינטשעוואַניעס ביי אַ יובילײ — אויך אַן ענין. אפשר וועט עס העלפן...

* * *

חבר בען צוקערמאַן טענה׳ט, אַז דער אומגליק מיטן עלטער איז וואָס עס קומט אין די שפּעטע יאָרן, און ניט אין די יונגע יאָרן, ווען מען קען נאָך אי־בערטראָגן דעם „היי־בלאַד פּרעשור״, מיטן רומאַטיס.

* * *

אַלס רעזולטאַט פון די שרייבער יובילייאומס ווערט אַן איבערפלוס פון ביכער אויף דער יידישער גאַס; ווייל וואָס פאַר יובל איז עס פאַר אַ שרייבער, אויב מען גיט ניט אַרויס אַ בוך? דאַן ווערט שוין אַ פּראָבלעם פון „אָווערפּראָ־דאַקשאָן״ און „אָווערפּראָדאַקשאָן״ ברענגט שוין אַרויף די פראַגע פון דער עקאָ־נאָמיע פון לאַנד. אָבער דאָס זיינען שוין פּראָבלעמען נישט פאַר אונדז. דאָס געהערט שוין צו דער „יו־ען״.

* * *

אַלטע באַוואוסטע שרייבער, וועמעס שופלאָדן זיינען אָנגעפּילט מיט מאַ־נוסקריפּטן, זיינען מקנא באַנטשיקן וואָס ער האָט, אַן שוועריקייטן אַרויסגעגעבן זיין בוך. — דאָס איז מן הסתם ווייל ער איז אַ דרוקער. און ניט קיין שרייבער...

* * *

אַז באביטש האָט דערהערט אַז באַנטשיק גיט אַרויס אַ בוך, האָט זיך אין אים צעברענט די שרייבערישע יוכעצ, און ער סטראַשעט שוין אויך, אַז ער גרייט צו אַ בוך.

* * *

די יובילייאומס זיינען געוואָרן אַזאַ מכת מדינה, אַז אונדזערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס זיינען שוין באַזאָרגט מיט קולטור פאַר די נעקסטע עטלעכע יאָר. מען דאַרף נאָר דורכפירן איינמאָל אַ חודש אַ יובילייאום פאַר איינעם פון די גדולים.

* * *

מען זאָגט אַז יוסף און פייגעלע פאַניץ האָבן, אויס מורא מען זאָל זיי ניט אָננעמען אַלס פריינט פון סאָוועטן פאַרבאַנד, אויפגעגעבן זייער באַליבט מאכל, רויטן באָרשטש, און זיינען איבערגעגאַנגען אויף „האָט דאָגס״.

* * *

נאָך אַ לענגערן געשפּרעך וואָס מאַקס האָלצמאַן האָט געהאַט מיט סעם גאַד, פון דער „קאַליפאָרניער יידישע שטימע״ וועגן איינפירן אַ יידישע זייט, האָט ער בפירוש דערקלערט אַז יידיש איז ביי גאַד׳ן זייער און זייער טייער . . .

די מיידל וואָס האָט געאַרבעט אין אָפיס פון דר. ל. בלעס, ע״ה דער־ציילט פון זיין צעטראָגנקייט: ער איז איינמאָל מיטאָק צייט, אַרום 1 אַזייגער, צוריקגעקומען אין זיין אָפיס און געפונען זיינעם אַ צעטעלע אויפן טיר, אַז ער וועט זיין צוריק צוויי אַזייגער. האָט ער זיך אומגעקערט צום רעסטאָראַן און געוואַרט דאָרטן ביז צוויי אַזייגער.

* * *

צוויי באַקאַנטע בעלי־הבתים פון לאָס אנדזשעלעס קלייבן זיך אין וועג פאָרן קיין לאָס וועגאַס. זעט איינער ווי דער אַנדערער נעמט מיט טלית און תפילין. פרעגט ער אים, צו וואָס נעמסטו דאָס מיט, פאַר מזל וועגן? ניין, ענט־פערט דער צווייטער, אויב עס וועט מיר גיין גוט, וועל איך דאָרט פאַרבלייבן איבער די ימים־טובים.

* * *

לכבוד דעם „יום העצמאות״, דעם טאָג פון ישראל׳ס זעלבסטשטענדיקייט, האָט די ישראל רעגירונג געבעטן, אַז די דאָרטיקע יידן זאָלן עסן קרעפּלעך. פון תל אביב מעלדעט מען, אַז מען האָט דאָרט געכאַפּט אַ קאָמוניסט עסן קרעפּ־לעך, האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי.

* * *

אַ רייכער „דזשאָנק דילער״, וועלכער האָט פאַרזאָרגט זיינע קינדער מיט אַ היפשן פאַרמעגן, האָט פאַר זיין טויט אונטערגעהערט פון זיין שלאָף־צימער אַ קריגעריי צווישן זיינע זין, אַז מ׳זאָל וואָס ווייניקער געלט אויסגעבן אויף זיין לויה. דער אַלטער האָט געעפנט די טיר פון זיין צימער און האָט אויסגערופן: קינדערלעך, קריגט זיך ניט אומזיסט. גיט מיר מיינע הייזן, וועל איך אַליין צוגיין צו דער סעמעטערי.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## נייסטע יידישע ביכער פון לאָס אנגעלעסער יידישע שרייבער

אין פאַראַיאָריקער אויסגאַבע פון „חשבון״ האָבן מיר געבראַכט אַ גע־נויע רשימה פון דערשינענע יידישע ביכער אין לאָס אנגעלעס, אין משך פון יאָר 1916 ביז 1954. דער סך־הכל האָט זיך באַוויזן: 54 שרייבער, 40 ביכער לידער, 49 פּראָזע, דריי מוזיק ביכער צו פאָלקס לידער און פון מאָדערנע יידישע דיכטער, און 3 קונסט אלבומען. אַרום און אַרום 95 אויסגאַבעס. (זע „חשבון״ 1954).

מיר ווילן צוגעבן צו דער דערמאָנטער רשימה, די דערשינענע ביכער פון 55־1954.

**יעקב זינגער**: צוויי דראַמעס פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע: „חיים סאַלאָמאָן״ און „מרים׳ס חלום״. אַרויסגעגעבן פון מחבר. 1954, 202 זייטן.

**לאָטי פידלער מלאך:** „שטילע טריט", דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן. פאַרלאַג „אַרבעט". 1955, 160 זייטן.

**ראָזע שאַמער־באַטשעליס:** פּאָרטרעטן פון באַוואוסטע יידישע פּערזענ־לעכקייטן: „ווי איך האָב זיי געקענט". 1953, 154 זייטן.

**„אליהו טענענהאָלץ'ס יובל בוך"**, לכבוד פופציק יאָר פון זיין צוטראָג צום יידישן טעאַטער. רעדאַקציע: זלמן זילבערצווייג, הערי לאַנג און א. באַ־ביטץ. אַרויסגעגעבן פון אליהו טענענהאָלץ יובל קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס. 1955, 224 זייטן.

**ב. דיימאַנדשטיין**, „זאַנגען פון מיין פעלד", לידער־זאַמלונג 1908־1955. פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן", טאָהאַנגע, קאַליפ.

## אין דרוק, און וועט בקרוב דערשיינען:

**כאַווער פּאַווער'ס** אַ בוך „זלמן דער שוסטער", אַרויסגעגעבן פון כאַווער־פּאַווער בוך קאָמיטעט אין לאָס אנגעלעס. דאָס בוך כאַפּט אַרום זעכציק יאָר פון זלמן דעם שוסטער אין אמעריקע, און במילא אויך דאָס לעבן פון די יידישע עמיגראַנטן־מאַסן אין נייעם לאַנד.

**זלמן זילבערצווייג'ס** אַ בוך „אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש". דאָס בוך אנטהאַלט: אַרטיקלען פון אחד העם, מרדכי ספּעקטאָר, נח פּרילוצקי, דר. מ. זסעש, חיים נחמן ביאַליק און 16 בילדער פון אחד העם און זיין פאַמיליע, און חכמי אדעסאַ. 116 ז"ז.

## גרייט צום דרוק:

אַ ראָמאַן פון מאָדערנעם יידישן לעבן, פון י. פרידלאַנד א. נ. „וואַנדע־רונגען און נסיונות".

אַ בוך דערציילונגען פון נח גאָלדבערג א. נ. „אייגן ברויט".

## קאַליפאָרניער „יום טוב בלעטער" הויבן אָן דערשיינען

די יידישע לאָס אנגעלעס איז רייכער געוואָרן מיט אַ פּעריאָדישער שריפט, „יום טוב בלעטער", און דער ערשטער נומער איז דערשינען ערב ראש השנה, סעפּטעמבער 16טן, מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרויסער צאָל שריפטשטעלער, וואָס מיר גיבן אין אַלפאַבעטישער אָרדענונג:

א. אלמי, י. אלקאָן, א. באַביטש, ברוך באַטשעליס, דר. דוד ברידזשער, פּינטשע בערמאַן, יחזקאל ברוינשטיין, יעקב גלאַטשטיין, נח גאָלדבערג, מאַטעס דייטש, לאה ק. האָפמאַן, יעקב זינגער, א. טאַבאַטשניק, עלקאָן כראַבלאָוו, א. לעיעלעס, יוד לאַמעד מאַלאמוט, שין מיללער, וו. נאַטאַנזאָן, עליזאַבעטה נאַ־טאַנזאָן, יצחק ניומאַן, י. פרידלאַנד, בען צוקערמאַן, דר. ז. קורמאַן, יוסף קאַיעץ, דר. א. א. ראָבאַק, דר. חיים ראַטבלאַט, ראָז שאַמער־באַטשעליס, ב. ריווקין, און חיים שויס.

קונסט בילדער פון באָריס דויטש, דוד לענעמאַן, בערל סאַט און קאָוונער גראַדסקי.

די רעדאַקציע קאָלעגיע באַשטייט פון יוד לאַמעד מאַלאמוט, מאַטעס דייטש און יעקב זינגער.

## ש. יאנאָווסקי אָנדענק קאָמיטעט

אין לאָס אנגעלעס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ש. יאנאָווסקי אָנדענק־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאבע אויפצוריכטן אַ וואָרט־מאָנומענט דעם בראַוון זשורנאַליסט־קעמפער ש. יאנאָווסקי, דורך אַרויסגעבן אַ מאָנומענטאַל ווערק וועגן אים. דאָס ווערק וועט אַנטהאלטן: 1) ש. יאנאָוו־סקיס ביאָגראַפיע, 2) אָפּקלייב פון יאנאָווסקיס פובליציסטישע שריפטן, 3) יאַ־נאָווסקיס פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, 4) יאנאָווסקיס בריוו און בריוו־קאַסטן, 5) ביבליאָגראַפיע. רעדאַקטירן דאָס ווערק איז איבערגעגעבן געוואָרן צום באַוואוסטן שריפטשטעלער, אבא גאָרדין.

## בוך און לעבן

אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון דעם באַוואוסטן יידישן געלערנטן און שריפטשטעלער וויליאם נאטאנסאָן, איז געשאַפן געוואָרן דאָ אין שטאָט אַ גרופּע פון לייענער און שרייבער אונטער דעם אויבנדערמאָנטן נאָמען. די גרופּע קומט זיך צוזאַמען צוויי מאָל אַ חודש. די שרייבער לייענען פון זייערע שאַ־פונגען און ס'ווערן אויך דיסקוטירט פראַגן און ענינים איבער קונסט און לי־טעראַטור בכלל. דער אָפּשלוס אָוונט פון זמן איז געווען געווידמעט אונדזער חשובן דיקטער ה. רויזענבלאט. וו. נאטאנסאָן האָט רעפערירט איבער רויזענ־בלאַטס לידער און רויזענבלאט האָט געלייענט זיין לעצטע פּאָעמע, געדרוקט אין „די גאָלדענע קייט”. דער אָוונט איז אָנגעפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פונם דיכטער מאטעס דייטש.

### צוויי חשובע יידישע געלערנטע זיינען געוואָרן תושבים ביי אונדז אין לאָס אַנגעלעס

דער באַוואוסטער יידישער שריפטשטעלער דר. וויליאם נאטאנסן און דער חשובער יידישער און העברעאישער געלערנטער, דר. ח. ראטבלאט, ביידע פון שיקאגא, זיינען געוואָרן ביי אונדז תושבים. ווי אין שיקאגא, אַזוי אויך ביי אונדז טראָגן זיי צו צו אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, זייער רייך וויסן און שעפערישקייט. „חשבון” באַגריסט זייער זיין מיט אונדז און ווינטשט זיי אַ סך געזונט און אַריכת ימים.

## געסט פאַר אַ וויַיל

דער חשובער דיכטער ל. פיינבערג האָט געוויילט ביי אונדז אין שטאָט, דעם חודש פעב., און האָט דאָ אָפּגעהאַלטן אַ דערפאָלגרייכע סעריע לעקציעס. צוריקקומענדיק אין נ. י. האָט ער דעם 3טן מערץ אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל

וועגן יידישן קולטור לעבן אין ל. א. צווישן אַנדערן דערמאָנט ער דעם ל. א. קולטור קלוב אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר וועלן אָנהויבן פון דעם „לאָס אַנגעלעס יידישן קולטור קלוב”, וואָס ווערט מיט רעכט פאַררעכנט אַלס די וויכטיקסטע יידישע קולטור אינסטיטוציע אין שטאָט. דער „קלוב” עקזיסטירט שוין קנאַפּע דרייסיק יאָר. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927 פון אַ פּאָר פון די ערשטע פּראָגרעסיווסטע יידישע יידן, וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ יידיש וואָרט אין דער ווייטער שטאָט ביים פּאַסיפיק. דער „קלוב” געפינט זיך איצט אין אַ פּרעכטיקער מאָדערנער געביידע, פאַרמאָגט אַ פיינעם זאַל און אַ ביבליאָטעק און אין אים זיינען אָנגעשלאָסן אַרום 200 מיטגלידער, וואָס צאָלן אַ יערלעכן אָפּצאָל, וועלכער ווערט באַנוצט אויף אויסצוהאַלטן דעם „קלוב”. יעדע וואָך ווערן אין „קלוב” איינגעאָרדנט צוויי און אַמאָל דריי קולטורעלע און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן באַזוכט פון די מיטגלידער. דער „קלוב” ווערט באַטראַכט אַלס דער בית-ועד לחכמים פון לאָס אַנגעלעס. צווישן די טעטיקסטע פירער פון „קלוב” געפינען זיך: דער אָנגעזעענער דיכטער ה. רויזענבלאַט, אַלס ערן-פּאַרזיצער; דער דינאַמישער געזעלשאַפטלעכער טוער און שריפטשטעלער י. פרידלאַנד, אַלס פּרעזידענט”.

---

אין דער זעלבער צייט האָט אויך געוויילט ביי אונדז אין שטאָט דער באַקאַנטער קולטור עסקן און שליח פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, מ. חמץ. דעם 1טן אַפּריל איז דערשינען זיינס אַן אַרטיקל אין „יידישן קעמפער” וועגן ל. א. אויך ער דערמאָנט דעם יידישן קולטור קלוב:

„אין קיין שום שטאָט פון אַמעריקע, האָבן זיך די יידיש-רעדנדיקע יידן נישט אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט אייגענע אינסטיטוציעס, ווי אין לאָס אַנדזשעלעס. איינע פון זיי איז דער „יידישער קולטור קלוב”. אַרום דעם קולטור קלוב קאָנצענטרירן זיך ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט, יידישן ליד, יידישע שרייבער און אַזוי געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס ווילן הערן אַ יידיש וואָרט.

„דער קולטור קלוב איז פאַר די עטלעכע 29 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, ביזן היינטיקן טאָג, נישט פאַרבונדן מיט קיין שום פּאָליטישער ריכטונג אָדער צענטראַלער קולטור קערפּערשאַפט. ווען עס קומט אָן אין שטאָט אַריין אַ גאַסט ווערט ער אויפגענומען פון קלוב בכבוד גדול. גאָר געהויבן פילן זיך די קלוב-טוער, ווען מ׳פירט אַריין דעם גאַסט אין שיינעם ביבליאָטעק צימער. יעדעס יידישע בוך, וואָס דערשיינט אויף דער וועלט, געפינט זיך דאָרט. די קלוב-צימערן און דער גרויסער זאַל זיינען די צווייטע היים פאַרן יידיש-רעדנדיקן מענטש.

„דער קלוב האָט אין אַלע זיינע יאָרן אָנגעפירט קולטורעלע שבת-צו-נאַכטן, ביי וועלכע עס ווערן געגעבן פיינע ליטעראַריש-מוזיקאַלישע פּראָגראַמען. ווען עס קומט צו פאָרן אַ יידישער שריפטשטעלער, אָדער אַ יידישער לעקטאָר, איז זיין ערשטער פּלאַץ דער קלוב.

פאַר די לעצטע 3 יאָר גיט דער קלוב אויך אַרויס אַ זאַמלבוך אויף יידיש,

מיטן נאָמען „חשבון". דאָרט נעמט אנטייל די גאַנצע שרייבער־משפּחה פון לאָס אַנדזשעלעס".

---

דער באַוואוסטער דראַמאַטורג חנא גאָטעספעלד, שטענדיקער מיטאַרבע־טער פון „פאָרווערטס" האָט אויך באַזוכט ל. א. צו יענער צייט, און ניט פאַר־פעלט צו דערמאָנען דעם יידישן קולטור קלוב. ער שרייבט אין זיינעם אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" אַפּריל דעם 30טן:

„דער „יידישער קולטור קלוב" אין לאָס אַנדזשעלעס האָט געוואַלדיקע פאַרדינסטן. איך ווייס ניט פון נאָך אַזאַ יידישער אינסטיטוציע אין גאַנץ אַמעריקע.

„אַלע וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין יידיש, אַלע וועלכע לייענען יידיש, ריידן יידיש, טרעפן זיך דאָרט. פאַראַן דאָרט אַ רייכע יידישע ביבלי־אָטעק. יעדן שבת אָוונט איז דאָרט פאַראַן אַ יידישע אונטערנעמונג, אַ קאָנצערט, אָדער אַ לעקציע. וויכטיקע געסט ווי יידישע שרייבער אָדער קינסטלער קריגן דאָרט אַ קבלת־פּנים. עס איז אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע. און יידישע יידן פון אַלע ריכטונגען קומען זיך דאָרט צוזאַמען".

---

מיר האָבן דערמאָנט די דאָזיקע באַמערקונגען וועגן קולטור קלוב מיט אַ כוונה. דאָס ווערטל: „אַ גאַסט פאַר אַ ווייל זעט פאַר אַ מייל" איז נישט אָפּ־צופרעגן.

ווי קאַרג, אָ ווי קאַרג אונדזערע אַזוי גערופענע קולטור עסקנים אין ל. א. זיינען עס אויף אַ וואָרט, מכוח דעם קולטור קלוב, און זיין מעמד — צום נאָענטסטן איז מען בלינד, אַפּנים! . . .

---

אין חודש יולי האָט דאָ געווייַלט, פאַר אַ קורצער וואַקאַציע, דער באַוואוס־טער קולטור עסקן, פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „מתנות", שלום עליכם אינסטי־טוט, קעמפּ „בויבעריק" און רעדאַקטאָר פון „קינדער זשורנאַל", אונדזער חשובער פריינט ליפּע לערער. הגם די יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס האָבן, צו יענער צייט, געהאַט זייער זומערדיקע הפסקה פון טעטיקייטן און מען האָט ניט פאַר־גרייט פאַר אים דעם פאַרדינטן קבלת פּנים, ווי ל. א. איז זיך נוהג, האָבן אָבער די שטענדיקע מכניסי־אורחים פון אונזערע ליטעראַרישע געסט: וועלוול און ליזע שאָר, אים זייער פריינטלעך מקרב געווען. אויך די דאָרזד'ס, חבר קאַפּלאַן און אַנדערע נאָענטע פריינט האָבן געמאַכט זיין קורצן זיין דאָ, אנגענעם און ניט לאַנגווייליק.

# לאָס אנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

דאָס יאָר 1954־55, דער 29טער יאָר פון קלובס עקזיסטירן, איז גע־שטאַנען אונטערן צייכן פון אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאַטע, נעמלעך: די פייערונג פון 300 יאָר יידיש לעבן אין אמעריקע. פאַר דעם לאָס אנגעלעסער יידנטום איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר באַזונדערס געווען היסטאָריש וויכטיק, צו־ליב דער דאַטע פון 100 יאָר יידישער ישוב אין קאַליפאָרניע.

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב האָט בלי שום ספק בייגעטראָגן זיין באַשיידענעם חלק צו אָט דער פייערונג, הן מיט זיין עצם עקזיסטירן פון 29 יאָר קולטור שעפערישער טעטיקייט, הן מיט דער אויסגאַבע פון דעם היסטאָ־רישן זשורנאַל (5טער נומער) „חשבון" לכבוד דער פייערונג.

די וואָס האָבן געלייענט דעם לעצטן נומער (5) „חשבון" האָבן זיכער גע־האָט פאַר זיך אַ קלאָר בילד וועגן דעם מהות און אַנטוויקלונג פון אונדזער יידישן ישוב, זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען; די מאַטעריעלע און גייס־טיקע בייטראָגן פון יידן אין קאַליפאָרניע, האָבן זיך בולט אָפּגעשפּיגלט אויף די בלעטער פון דעם דערמאָנטן נומער „חשבון".

מיט דער דערעפענונג פון נייעם זמן טרעט צו דער ל. א. יידישער קול־טור קלוב צום 30טן יאָר פון זיין עקזיסטירן. אוודאי איז גרינג אויסצורײדן 30 יאָר! וויפיל מי, ענערגיע און עקשנות מע האָט עס געדאַרפט האָבן, וויפיל נסיונות און שוועריקייטן די פירערשאַפט איז אויסגעקומען דורכצוטראָגן, אָט די אַלע יאָרן, כדי ביכולת צו זיין אָנצוהאַלטן דעם המשך פון אונדזער יידישער קולטור טואונג? ווען מען נעמט אויך אין באַטראַכט די גאָר שטאַרקע השפּעה פון דער דרויסנדיקער קולטור און שפּראַך אַסימילאַציע, וואָס פאַרכאַפּט אַלץ מער און מער די יידישע גאַס, און דאָך בלייבן געאייניקט און געשטאַרקט, הן אין איכות, הן אין כמות; ווען מען האָט דאָס אַלץ אין זינען, ווערט אונדזער וויטאַליטעט באַטראַכט ווי אַ — פענאָמען.

מיר האָבן שוין, ביי אַנדערע געלעגנהייטן, דערמאָנט אַז דער ל. א. יידי־שער קולטור קלוב איז, אין זיין איינשטעל, איבערפּאַרטייאיש. ער איז ביי קיינעם נישט בודק זיין פּאָליטישן פּאַספּאָרט. פאַר דעם קולטור קלוב איז גענוג, אַז אַ ייד וואָס געפינט באַפרידיקונג אין אונדזערע יידיש קולטורעלע מסיבות, האָט הנאה פון יידיש געזעדטן וואָרט, פון געזונגענעם יידישן פאָלקס ליד, פון יידיש ליטעראַרישע און יידיש מוזיקאַלישע אָוונטן, מיט דעם אַליין איז ער אָדער זי ראוי צו ווערן אַ מיטגליד אין יידישן קולטור קלוב. דאָס איז אַ גע־נוגנדיקע רעקאָמענדאַציע אָדער אַטעסטאַט; מחמת דעם וואָס אינטערעסירט נישט אַ יידיש־יידישע קולטור סביבה, דער וואָס איז שוין שפּראַכלעך אַסי־מילירט און האָט בכלל נישט הנאה פון די דערמאָנטע קולטור אָוונטן, אַזעל־כער וועט צו אונדז נישט קומען — און קומט טאַקע נישט.

דער עצם געדאַנק, וואָס איז געלונגען דעם קולטור קלוב, דורך זיין

קולטור טוּאונג, צו פאַראינטערעסירן אַ היפּשע עדה יידן, וואָס קומט אַהער, וואָך איין וואָך אויס, כמעט אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, איז נאָכאמאָל אַ באַווייז, אַז ס׳איז פאַראַן ביי אונדז אַ יידיש אינטעליגענטער עולם מיט אַן ערנסטער באַציאונג צו אונדזער קולטור טוּאונג.

אַט דער וואַרעמער אינטערעס און ליבע צו יידיש, פון אונדזער מיטגלי־דערשאַפט און פריינט, גיט אונדז מוט און עקשנות ממשיך צו זיין אונדזער טע־טיקייט: אין דעם באַשטייט דער כוח פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, וואָס ער איז ביכולת אָנצואווייזן אויף אַזעלכע פּרוכטיקע אריכת ימים.

ס׳איז כסדר געווען אונדזער וואונטש אַז די יידיש יידן אין ל. א., וועלכע זיינען נישט פאַרפאַנצערט אין אַ פאַרטיי דאָגמע און האָבן אַן אָפענעם אויער און אַ וואַרעם האַרץ, פאַר אַלץ וואָס איז עכט־יידיש קולטורעל, זאָלן ווערן שות־פים צו אונדזער פרעכטיקן קולטור בנין און אנטייל נעמען אין די טוּאונגען פון אונדזער אַלזייטיקער יידישער קולטור.

מיט דער האָפענונג און גלויבן אין די שעפערישע פּאָטענצן פון אונדזערע קולטור טוער און אספּיראַנטן פאַר יידיש, טרעטן מיר צו צום 30טן יאָר פון ל. א. יידישן קולוטר קלוב.

**י. פרידלאַנד, פּרעזידענט**
**מ. ל. קאַפּעלאָף, סעקרעטאַר**

---

## באַאַמטע און אַקטיוו פון ל. א. יידישן קולטור קלוב
## פאַר דעם יאָר תשט״ז — 1955

**ה. רויזענבלאַט**
ערן־פּרעזידענט

**י. פרידלאַנד**
פּרעזידענט

**ב. צוקערמאַן**
וויצע־פּרעזידענט

**מ. ל. קאַפּעלאָף**
פינאַנץ סעקרעטאַר

**ס. לעווין**
רעקאָרדינג סעקרעטאַר

**מ. שוואַרץ**
קאַסירער

**שלמה צוקערמאַן און**
**מ. ווינאַרסקי**
פינאַנץ קאָמיסיע

**צילי צוקערמאַן**
הויז פאַרוואַלטער

**י. סקאַקאָווסקי**
בריוו פאַרוואַלטער

**נתן אזאלין**
ביבליאָטעק און אַרכיוו

**מיטגלידער פון אַקטיוו:**

א. אייעראָף, א. באַביטץ, ס. פיעלד, א. ראַבינסאָן, ש. ברייניז

# רשימה פון קולטורעלע און ליטעראַרישע שבת-צו-נאַכטן

## פון 29טן זמן, 1954-55 פון ל. א. יידישן קולטור קלוב)

א) מיטוואָך אָוונט, דעם 29טן סעפּט. איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערונג פון דעם יום־טוב ראש־השנה. דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און לעקטאָר אשר דובין האָט רעפערירט איבער דעם יום־טוב. י. פרידלאַנד איז אַן איבערבליק איבער וויכ־טיקע יידישע געשעענישן פון יאָר.

ב) שבת אָוונט דעם 16טן אָקטאָבער, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סוכות פייערונג. מ. פאָגל, באַקאַנטער יידישער געלערנטער, האָט געהאַלטן אַ רע־פעראַט איבער דעם יום־טוב סוכות. ביי דעם יום־טוב זיינען אויך אינסטאַ־לירט געוואָרן די באַאַמטע און פאַרוואַלטונג פון קלוב, פאַרן 29טן זמן.

ג) שבת אָוונט דעם 23טן אָקטאָבער, 1954 איז דורכגעפירט געוואָרן די אָפיציעלע דערעפענונג פון דעם 29טן זמן פון קולטור קלוב. אין פּראָגראַם באַטייליקן זיך: י. פרידלאַנד, פּרעזידענט פון קלוב מיט אַ דערעפענונגס־רעדע; חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט, ערן פּרעזידענט פון קלוב, מיט אַ באַגריסונג; אליהו טענענהאָלץ, באַוואוסטער שוישפּילער, פאַרלייענונגען; פיי־געלע פאַניטץ, די פּיינסטע באַלאַדיסטן מיט יידישן און העברעאישן ליד; און לעאָן פּיעלד, פּידל קינסטלער. יודזשינא ברומאַן ביי דער פּיאַנאָ.

3) שבת אָוונט דעם 30טן אָקטאָבער, אַ טאָפּלטער היסטאָרישער יום־טוב, לכבוד 300 יאָר יידישן ישוב אין אַמעריקע און 100 יאָר ישוב פון יידן אין קאַליפאָרניע. אין פּראָגראַם פון אָוונט זיינען אויפגעטראָטן: ה. רויזענבלאַט מיט אַ פּרעכטיקער עסיי; דר. ז. קורמאַן, „איבער 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע"; דר. פיליפּ סימען (ענגליש), „יידישע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע"; י. פרידלאַנד, „אונדזער יידישער צושטייער אין קאַליפאָרניע"; י. ל. מאַלאַמוט, „יידישע פּיאָנערן אין לאָס אנגעלעס"; באַגרי־סונגען פון „טערסענטענערי" קאָמ. אין לאָס אנגעלעס; און שענאַן געלסיק, באַוואוסטער פּיאַנאָ קינסטלער, אין מוזיקאַלישע נומערן.

ה) שבת אָוונט דעם 6טן נאָוועמבער, אַ הזכרה אָוונט נאָך דעם דיכטער־פּאַרטיזאַן, ש. קאַטשערגינסקי ז"ל. אונדזער חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט לייענט אַן עסיי; אברהם זיגלבוים, וואָרט קינסטלער מיט רעציטאַציעס פון קאַטשערגינסקיס לידער; ס. נוטקעוויטש, באַוואוסטער קולטור עסקן און לעק־טאָר, וועגן קאַטשערגינסקין, פּאַרטיזאַן און דיכטער.

ו) שבת אָוונט דעם 13טן נאָוועמבער, דערעפענונג פון חודש פאַרן יידישן בוך. דער אָוונט ווערט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר איינגעאָרדנט בשותפות מיט דער ל. א. ביורא פאַר יידישער דערציאונג, ווי אַ דריי־שפּראַכיקער אָוונט. עס טרעטן אויף: דר. פיליפּ סימען פון „אוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם"; פּראָפ. משה ליבמאַן, אין אַן אָפּהאַנדלונג איבער אלבערט איינשטיין, זיין פּערזענ־לעכקייט און וועלט באַנעם; יואל גווירסאַן אין יידישע פאָלקס לידער, פּיאַנאָ באַגלייטונג: בערטאַ קעסטנבוים; בען צוקערמאַן, באַגריסונג אין נאָמען פון קולטור קלוב.

ז) שבת אָוונט דעם 20טן נאָוועמבער, אַן אָוונט בשותפות מיט דער ל. א. מיטלשול. אין פּראָגראַם זיינען אויפגעטראָטן תלמידים און תלמידות פון דער מיטלשול, מיט רעציטאַציעס, און אין אַ סצענע „די וועלט פון שלום־

עליכם", און אין סימפּאָזיום האָבן זיך באַטייליקט: דר. דוד ברידזשער, ס. נוטקעוויטש, דר. ז. קורמאן און י. פרידלאַנד, מאדעראַטאָר.

ח) שבת אָוונט דעם 27טן נאָוועמבער, אַ צאתך לשלום לכבוד דער דיכטערין שרה האמער־דזשאקלין. אין פּראָגראַם באַטייליקן זיך: אונדזער ליבער דיכטער ה. רויזענבלאַט; דער באַוואוסטער שוישפּילער אליהו טענענהאָלץ; דער עסייאיסט, הערי לאַנג; דער טעאַטער לעקסיקאָגראַף, זלמן זיל־בערצווייג; און מיט ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן דער דיכטערין, י. פרידלאַנד.

ט) שבת אָוונט דעם 4טן דעצעמבער, ווערט דורכגעפירט אַן אָוונט פון דער גרופּע שרייבער ביים יידישן קולטור קלוב, מיט דער באַטייליקונג פון פּינטשע בערמאַן, ברכה קודלי, א. באביטש, מאטעס דײַטש, יוסף קיץ, י. פריד־לאַנד, נח גאלדבערג און י. ל. מאלאמוט, פאָרזיצער פון אָוונט.

י) שבת אָוונט דעם 11טן דעצעמבער, אָפּשלוס פון „חודש פאַרן יידישן בוך". דר. מאנטי סאַלווין, מיט אַ רעפעראַט איבער 300 יאָר יידישע קונסט און קינסטלער אין אַמעריקע, אילוסטרירט מיט בילדער; שעגאַן געלסאָן מיט מוזיקאַלישע פּיאַנאַ נומערן; בען צוקערמאַן, פאָרזיצער פון אָוונט.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין משך פון גאַנצן חודש איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ ביכער אויסשטעלונג, אונטער דער אויפזיכט, ווי אַלע יאָר, פון אונדזער חשובן קולטור עסקן, מ. הארעליק.

יא) שבת אָוונט דעם 18טן דעצעמבער, אין אַ קלאַסישן מוזיקאַלישן „ריסייטל" זיינען אויפגעטראָטן די באַוואוסטע פידל קינסטלער מישא און דזשאַנעט וויאָלין; בעלא זאלקין, באַוואוסטע זינגערין, אין אַ ציקל יידישע פאָלקס־לידער.

יב) שבת אָוונט דעם 25טן דעצעמבער איז דורכגעפירט געוואָרן דער טראַדיציאָנעלער חנוכה פייערונג. אין פּראָגראַם טרעט אויף: אשר דובין אי־בער דער טעמע: „מאקאבייער אמאָל און היינט"; יואל גורסאַן מיט אַ ציקל יידישע און העברעאישע לידער, פּיאַנאַ באַגלייטונג: בערטא גורסאַן; און דער באַקאַנטער וואָרט קינסטלער יעקב ניומאַן, מיט פאָרלייענונגען פון שלום־עליכמס זאַכן; אַן אינסצענירונג אויף דער בינע פון אַ לעבעדיקע מנורה, מיט געזאַנג.

יג) פרייטיק דעם 31טן דעצעמבער, יערלעכער ניי־יאָר אָוונט, מיט מוזיק, געזאַנג, טענץ און אַ פיינע סעודה.

יד) שבת אָוו. דעם 8טן יאַנואַר, איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין קלוב די באַוואוסטע פאָלקס זינגערין סטעלאַ מארשא, באַגלייט ביי דער פּיאַנאַ פון ליליען קלעס; ליאָן פיעלד, וויאָליניסט פון דעטראָיטער סימפאָניע, אין יידישע מוזיקאַלישע נומערן; און הוגא קארסטען, פּיאַניסט פון ווין, מיט קלאַ־סישע קאָמפּאָזיציעס.

טו) שבת אָוונט דעם 15טן יאַנואַר, צוליב דער יובל פייערונג פון דעם אַרטיסט אליהו טענענהאָלץ, אין ווילשייר עבעל טעאַטער, איז קיין פּראָגראַם אין קלוב ניט דורכגעפירט געוואָרן. נאָך דער טעאַטער פאָרשטעלונג איז אַ היפשער עולם געקומען מיטן בעל היובל אין קלוב צו פאַרענדיקן די שמחה.

טז) שבת אָוונט דעם 22טן יאַנואַר, אַ רעפעראַט מיט דעם באַוואוסטן יידישן געלערטן דר. מאָריס קאַפּלאַן, אויף דער טעמע: „די יידישע פרוי

אין אַלע דורות״. אין דעם מוזיקאַלישן טייל פון פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן דער פיינער פּיאַנא קינסטלער הוגא קערסטאַן.

יז) שבת אָוונט דעם 29טן יאַנואַר, יערלעכער י. ל. פּרץ אָוונט, לטובת דעם „ייוואָ״. דר. ראַטבלאַט, גאַסט פון שיקאַגא, באַוואוסטער געלערטער, האָט רעפערירט איבער דער טעמע: „י. ל. פּרץ — דער אויסטייטשער פון דער יידישער נשמה״; יעקב ניומאַן, באַקאַנטער וואָרט קינסטלער, האָט פאָרגעלייענט פון פּרץ'ס שאַפונגען; ש. האָכבערג וועגן „ייוואָ״.

יח) שבת אָוונט דעם 5טן פעברואַר, האָט דער ל. א. „ייוואָ״ קאָמ., אין קאָאָפּעראַציע מיטן קולטור קלוב, איינגעאָרדנט אַ רעפעראַט מיטן חשובן דיכטער ל. פיינבערג. די טעמע: „פון הרודעס און ליים״ צו „מיין ליכטיקער נסיעה״ (רויזענבלאַטס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור). פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען חיים שאַפּירא.

יט) שבת אָוונט דעם 12טן פעברואַר, האָט דער קלוב איינגעאָרדנט אַ צאתך לשלום פאַר דעם דיכטער ל. פיינבערג. זיין טעמע איז געווען „חכמי אָדעסאַ — אָדעס, די שטאָט פון ביאַליק, מענדעלע און פרוג״. אין מוזיקאַלישן טייל פון פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן: מיידע קייזער, מיט געזאַנג; שענאַן גילסאַן, פּיאַנא; אונדזער חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער פון אָוונט.

כ) שבת אָוונט דעם 19טן פעברואַר, אַ ביבליאָטעק און ליטעראַטור אָוונט, צו דער געלעגנהייט פון דער פאַרגרעסערונג פון דעם קלובס ביבליאָטעק, מיט דער מתנה פון מאַקס שפּאַניערס ביכער אָפּטיילונג איז דער אָוונט געווען געווידמעט. עס זיינען אויפגעטראָטן: מלכה מוזמאַן, באַקאַנטע דיכטערין, מיט אַן עסיי „דער מענטש און דאָס בוך״; ליאַן פּיעלד, פידל קינסטלער; מ. מאַנדעלבוים, מיט אַ פאָרלייענונג; עוועלין מאַנקאַטש, געלייענט אַן עסיי, פון מאַקס שפּאַניערס טאָכטער, „אַ פּאָרטרעט פון מיין טאַטן״; א. כראַבלאָווסקי, „מאַקס שפּאַניער דער מענטש״; אַ וואָרט פון אונדזער געטרייען ביבליאָטעקאַר נתן אזאלין. די פאַרוואַלטונג האָט צו דער געלעגנהייט געגעבן דעם ביבליאָטעקאַר אַ פּרעכטיקן פּאָרטפעל אַלס מתנה.

כא) שבת אָוונט דעם 26טן פעברואַר, ווערט דורכגעפירט דער צווייטער שרייבער אָוונט פון דעם זמן. ס'נעמען אַנטייל די פאָלגנדיקע שרייבער: מאַטעס דייטש, לידער; כאַווער פּאַווער, דערציילונג; ברכה קודלי, לידער; נח גאָלדבערג, דערציילונג; יוסף קיץ, דערציילונג; און י. פרידלאַנד, פראַגמענטן פון אַ ראָמאַן.

כב) שבת אָוונט דעם 5טן מערץ, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אברהם ליעסין אָוונט. א. דאַרין, באַקאַנטער לעקטאָר, האָט רעפערירט איבער דער טעמע: „די סאָציאַל־עטישע ירושה פון דעם גרויסן יידישן דיכטער, אברהם ליעסין״; יוסף גינזבורג האָט פאָרגעלייענט פון ליעסינס לידער; ה. ראַבינסאָן, אין אַן אינסצענירונג פון ליעסינס ליד „דער קרעמער״, נאַראַטאָריע פון י. פרידלאַנד; פאָרזיצער פון אָוונט, ב. צוקערמאַן.

כג) שבת אָוונט דעם 12טן מערץ, יערלעכער פּורים אָוונט. הומאָריסטישע פאָרלייענונגען, געזאַנג בציבור, סעודה און טענץ.

כד) שבת אָוונט דעם 19טן מערץ, קבלת פּנים פאַר דעם באַוואוסטן שרייבער און פאָרשער פון חסידות, מנשה אונגער. אין פּראָגראַם פון אָוונט האָט זיך באַטייליקט מיט אַ לענגערער באַגריסונג אונדזער חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט; י. פרידלאַנד, מיט ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען פון אונ־

גערס שאַפונגען; און דער גאַסט אין אַ רעפעראַט: „חסידישע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור״.

כה) שבת אָוונט דעם 26טן מערץ, האָט דער באַוואוסטער יידישער גע־לערנטער און שריפטשטעלער אבא גאָרדין, רעפערירט איבער „דעם רמב״ם און זיין לערע״. דער פאָרזיצער פון אָוונט י. פרידלאַנד, אין אַ לענגערע ביב־ליאָגראַפישע אָפּהאַנדלונג פון אבא גאָרדינס שאַפונגען און ליטעראַרישע טע־טיקייטן.

כו) שבת אָוונט דעם 2טן אַפּריל, אַ קבלת פּנים פאַר דעם באַוואוסטן דראַמאַטורג און הומאָריסט חנא גאָטעספעלד. אין פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן הערי לאַנג, מיט אַ באַגריסונג צום גאַסט; אליהו טענענהאָלץ, מיט פאָרלייע־נונג פון גאָטעספעלדס הומאָרעסקעס; דער חשובער גאַסט, אין אַ רעפעראַט וועגן זיין בוך „בראָדוויי און תל־אביב״.

כז) שבת אָוונט דעם 9טן אַפּריל, אַ פּסח אָוונט. דער באַוואוסטער פּע־דעגאָג און געלערנטער מ. פאָגל, האָט רעפערירט איבער דעם יום טוב פּסח; יואל גוירסאָן, באַקאַנטער פאָלקס זינגער, האָט געזונגען פּאַסיקע יום־טוב נו־מערן, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון בערטאַ גוירסאָן; פאָרלייענונגען פון די חברים: קאַפעלאָף, לעווין, צוקערמאַן און י. פרידלאַנד. געזאַנג בציבור.

כח) שבת אָוונט דעם 16טן אַפּריל, דורכגעפירט אַ „שיר השירים אָוונט״ („דאָס געזאַנג פון געזאַנגען וואָס פון שלמה׳ן). אשר דובין, באַקאַנטער פּעדאַגאָג און לעקטאָר האָט רעפערירט וועגן דאָס גרויסע ווערק „שיר השירים״; בענדזשי־היים, פון ישראל און אַלואַני שרייער מיט גיטאַרע האָבן פאָרגעטראָגן אַ ציקל העברעאישע לידער. בען צוקערמאַן, פאָרזיצער פון אָוונט.

כט) שבת אָוונט דעם 23טן אַפּריל, איז צו דער געלעגנהייט פון דעם 35־יאָריקן שאַפן פון דעם באַוואוסטן דיכטער א. לוצקי, דורכגעפירט געוואָרן אַן א. לוצקי אָוונט, מיט אנטייל פון וויליאַם נאַטאַנסאָן, וועלכער האָט רעפע־רירט איבער א. לוצקיס דיכטונג אין ליכט פון פילאָסאָפיע; דער דיכטער מאַ־טעס דייטש האָט פאָרגעלייענט פון לוצקיס „דעם רבינס הויז זאָגט תורה״; י. פרידלאַנד האָט געגעבן ביבליאָגראַפישע סקיצירונגען, איבער לוצקיס און נאַ־טאַנסאָנס ווערק.

ל) שבת דעם 30טן אַפּריל איז דורכגעפירט געוואָרן דער יערלעכער ישראל אָוונט, לכבוד דעם יום העצמאות, 7 יאָר מדינת ישראל. ס׳איז געוויזן געוואָרן צוויי קלאַנג־פילמען אין קאָלירן. 1) „די פרייד פון נגב״; 2) „די האָ־פענונג פון חולה״. רינה בן יהודה, אַ ישראל סאַבראַ, האָט פאָרגעטראָגן העב־רעאישע לידער און באַגלייט אויף איר אַקאָרדיאָן. בען צוקערמאַן האָט רעפע־רירט וועגן 7 יאָר מדינת ישראל.

לא) שבת אָוונט דעם 7טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אברהם רייזען אָוונט. דער באַקאַנטער קולטור עסקן און לעקטאָר שלמה האָכבערג, האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן אברהם רייזענס שאַפונגען. ס׳איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַן אינסצעניזירונג אויף דער בינע, פון אברהם רייזענס באַרימט ליד „מאי קא משמע לן״, באַגלייט מיט געזאַנג, פון אַ גרופּע מיטגלידער פון קלוב.

לב) שבת אָוונט דעם 14טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן דער יער־לעכער טראַדיציאָנעלער שלום־עליכם אָוונט. דער באַוואוסטער פּראָפ. משה ליבמאַן האָט רעפערירט וועגן שלום־עליכמען; זיגמונט ליעוו, באַקאַנטער וואָרט

קינסטלער, אין שלום־עליכמס פאָרלייענונגען; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון אָונט, האָט אויך פאָרגעלייענט די צוואה פון שלום־עליכם.

לג) שבת אָוונט דעם 21טן מאַי, קבלת פנים פאַר בצלאל שערמאַן, איינ־געאָרדנט פון ל. א. „ייוואָ" קאָמיטעט בשותפות מיט דעם קולטור קלוב. אין אָוונט האָבן אנטייל גענומען: ה. רויזענבלאַט, ז. זילבערצווייג, י. פרידלאַנד, חיים שאַפּירא, פאָרזיצער און דער גאַסט בצלאל שערמאַן האָט רעפערירט איבער דער טעמע: „דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע".

לד) שבת אָוונט דעם 28טן מאַי, לכבוד שבועות האָט דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג אשר דובין געלערנט ווענגן „רות", און די באַרימטע פאָלקס זינגערין און באַלאַדיסטין מארטא שלאַמא האָט פאָרגעטראָגן אַ פּראָגראַם פון יידישע, העברעאישע און קלאַסישע לידער, פּיאַנא באַגלייטונג פון טיאַנא גולד.

לה) שבת אָוונט דעם 4טן יוני, האָט דער שטאָט קאָמיטעט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן, אין קאָאָפּעראַציע מיט דעם קולטור קלוב, איינגעאָרדנט אַ קאָנטעסט פון תלמידים פון די יידיש־וועלטלעכע שולן.

לו) שבת אָוונט דעם 11טן יוני, צוליב דער אונטערנעמונג פון דער מיטל־שול און קינדער טעאַטער, אין עבעל טעאַטער, האָט דער קלוב, אין אחדות מיט דער אַרבעט, קיין פּראָגראַם ניט פאַרגרייט.

לז) שבת אָוונט דעם 18טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן דער 29טער סיום הזמן פון יידישן קולטור קלוב. אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: ה. רויזענבלאַט, פייגעלע פּאַניטש און אליהו טענענהאָלץ. אַ וואָרט ווענגן אָפּשלוס פון זמן, ביים פאָרזיצער פון אָוונט, י. פרידלאַנד.

---

## רשימה פון קולטורעלע מאַנטיקן פאַר דעם זמן 1954-55

א) מאנטיק אָוונט, נאָוועמבער 22טן, 1934 — מ. פאגל, „דער יידישער ספר דור דורות".

ב) מאנטיק אָוונט, נאָוו. 29טן — וו. נאַטאַנסאָן, „צייט און אייביקייט — גליק און גליקזעליקייט".

ג) מאנטיק אָוונט, דעצ. 6טן — י. קאַלער, „ספר תהילים, דאָס בוך פון פאָלק".

מאנטיק אָוונט, דעצ. 13טן — רבי זאַנדערלינג, „דער בעל שם טוב און דער ווילנער גאון".

ה) מאנטיק אָוונט, דעצ. 20טן — עלא בוירנס, „געמישע הייראַטן".

ו) מאַנטיק אָונט, דעצ. 27טן — מאַטעס דייטש, „מאָרד און לעבן אין דער ליטעראַטור".

ז) מאנטיק אָוונט, יאַנואר 3טן — רבי שמואל קאַץ, „סאָציאַלע געזעצן לויט דער אויפפאַסונג פון תלמוד".

ח) מאנטיק אָוונט, יאנואַר 10טן, משה מענדלמאַן, „די ראָל פון יידיש פאַר יידן ווי אַ פאָלק".

ט) מאנטיק אָוונט, יאַנואַר 17טן — מלכה טוזמאַן, „תכליתדיקייט אין דער דיכטונג״.

י) מאנטיק אָוונט, יאַנואר 24טן — א. דארין, „די סאָציאַלע ירושה פון אונדזער גרויסן דיכטער אברהם ליעסין״.

יא) מאנטיק אָוונט, יאנואר 31טן — מ. פּאַגארעלסקי, „יידן און יידיש לעבן אין מעקסיקא״.

יב) מאנטיק אָוונט, פעברואר 7טן — בען צוקערמאַן — „חיים גרינ־בערג — מענטש, פילאָזאָף און זשורנאַליסט״.

יג) מאנטיק אָוונט, פעב. 14טן — מ. פּארבער, „איינדרוקע פון אַ רייזע איבער זיד אַמעריקע״.

יד) מאנטיק אָוונט, פעב. 21טן — אברהם שטורם, „צוואנציק יאָר נאָך חיים נחמן ביאַליק״.

טו) מאנטיק אָוונט, פעב. 28טן — ס. נוטקעוויטש, „גליקזעליקייט אין די עלטערע יאָרן״.

טז) מאנטיק אָוונט, מערץ 14טן — י. פרידלאַנד, „מחשבות מכוח די פּאָ־עטישע וועלט און דאָס יידישע בוך״.

יז) מאנטיק אָוונט, מערץ 21טן — קלארק סאַלטערמאַן, „די יידישע ראָל אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״.

יח) מאנטיק אָוונט, מערץ 28טן — תנחום ברייס, „אַלטע און נייע פּראַגעס״.

יט) מאנטיק אָונט, אַפּריל 4טן — יוסף גינזבורג, „די יידישע פרוי אין דער יידישער ליטעראַטור״.

כ) מאנטיק אָוונט, אפּריל 11טן — י. פרידלאַנד, „סעקולערע יידישקייט״.

כא) מאנטיק אָוונט, אפּריל 18טן — י. קאַלער, „ארץ ישראל דורך טרערן און געלעכטער״.

כב) מאנטיק אָוונט, אַפּריל 25טן — דר. ז. קורמאן, „דער בראשית פון דער יידישער ליטעראַטור״.

כג) מאנטיק אָוונט, מאי 2טן — לואיס בראַנדט, רעזשיסער פון פרץ הירשביינס „גרינע פעלדער״ (אין ענגליש), „טעאַטער אין לאָס אנגעלעס״.

כד) מאנטיק אָוונט, מאי 9טן — מ. פּאגארעלסקי, „דער רמב״ם אַלס מעדיקער״.

כה) מאנטיק אָוונט, מאי 16טן — פּינטשע בערמאן, „משה לייב האלפּערין, ווי איך האָב אים געקענט״.

כו) מאנטיק אָוונט, מאי 23טן — א. דארין, „דער קולטור היסטאָרישער מאָנומענט פונם לערער יזכור־בוך״.

כז) מאנטיק אָוונט, מאי 30טן — פיליפּ ריסקין, „גרים אין רוסלאַנד״.

כח) מאנטיק אָוונט, יוני 6טן — דר. מאנטי סאלווין, „די געשיכטע פון מאָדערנער קונסט אין ישראל״.

כט) מאנטיק אָוונט, יוני 13טן — בען צוקערמאַן, „די ראָלע פון רעליגיעזע קיבוצים אין מדינת ישראל״.

ל) מאנטיק אָוונט, יוני 27טן — חבר מ. פאגעל, „אונדזער דור אין דער ליטעראַטור״.

לא) מאנטיק אָוונט, יולי 11טן — י. פרידלאַנד, „די ירידה פון „עם־עולם״ און די עליה פון „בילוי״.״

